STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09560

LISHAFT

Jakow Frydman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פרידמאַן

✶

ליבשאַפט

דערשינען מיט דער מיטהילף

פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל

יעקב פרידמאַן

ליבשאַפט

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1967

JACOB FRIDMAN
LIBSHAFT

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

✶

יעקב פרידמאַן / ליבשאַפט

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

קואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב. רחוב השוק 26, טלפון 821801

יעקב פרידמאַן

*

ל י ב ש אַ פ ט

דער שטערן־זעער

גאַפּט דער שטערן־זעער אויפֿן מילך־שליאַך,
מיט בקיאות און ליבשאַפֿט,
דערפֿילט ער: אַליין איז ער מילך־שליאַך,
אויסגעסדרט מיט אינסופֿיקער קלוגשאַפֿט:

צעל ביי צעל, אין זיין גוף, מיט פּינקטלעכקייט געאָמעטרישער באַהאַפֿטן.
סע פֿילט זיך נאָך די וואַרעמקייט פֿון שאַפֿערס האַנט,
וואָס האָט אים דעם „מילך־שליאַך" פֿון מיליאַסן איינסן צונויפֿגעפֿלאָכטן...

און ער דער שטערן־זעער איז נישט דער איינציקער „מילך־שליאַך" אין הויז —
זיין פֿרוי, וואָס זיצט מיטן קינד אין שויס,
און אַפֿילו דאָס פֿלאַטערל אַרום בלויען ניילאָן־ליכט,
און דאָס זשוקעלע אויפֿן דיל, וואָס קריכט,
זענען מיקראָקאָסמאָסן געסדרט מיט דער זעלבער געניטשאַפֿט.
וואָרעם אי דעם זונען־סיסטעם אי די מילב, האָט אויסגעפֿורעמט,
די זעלביקע אינסופֿיקע קלוגשאַפֿט...

קוועלט דער שטערן־זעער און נעמט מילד אַרום,
מיט איין האַנט זיין פֿרוי, מיט דער צווייטער זיין זון:
מיר זענען זונען־סיסטעמען, זאָגט ער — דריי זונען־סיסטעמען אין אוניווערז,
מיר זענען דריי ווערטער אין באַשאַפֿערס אייביקן פֿערז...

און ער נעמט מיט אַ ציטערדיקער האַנט, אַרויס טינט און פּאַפּיר,
און צום ערשטן מאָל אין לעבן, שרייבט דער שטערן־זעער אַן אַ שיר.

און אַז דאָס ליד איז פאַרענדיקט, קוועלט ער נאָך אַמאָל, זאָגט מיט ליבשאַפט :
דאָס ליד איז אויך אַ זונען־סיסטעם געסדרט מיט גראַמיקער, טעמיקער קלוגשאַפט...

און ער קושט דאָס ליד און די פרוי און דעם זון אין איר שויס,
אַלע דריי זונען־סיסטעמען, וואָס הויזן מיט אים אין איין הויז...

מיר וואַנדערן איבער

מיר וואַנדערן פון שעה צו שעה,
פון אָרט צו אָרט.
מיר ווערן ווייניקער גופיקער — דאָ
און מערער וואָרטיקער — דאָרט...

מיר טוען אויס אברים פון פלייש און ביין
און פליסן אַריבער, געהיים,
צום ווינאָרט פון וואָרט...

ווי אַ יאַגדע די גרויס
איז אונדזער הויז,
נאָר אַלץ סדרן מיר אויס,
צווישן אירע פורפורנע ווענט:
די קינדער־וויג
און דאָס טויטן־העמד,
נעבן ווייסן קאָפּ פון קלוגשאַפט.
און אין מיט — דאָס בשמים־האָדעסל,
מיט אַלע ריחות פון ליבשאַפט.

אַלע טייכן און וועלדער, פון קינדווייז,
רונדיקן זיך אַריין אין די ערטער.
און געגנוג פאַר זיי איז דער קליינער קרייז
פון פיר שמעקענדיקע ווערטער...

וויפל שטעט און לענדער קענען קומען וווינען
אין ווינאָרט פון געציילטע טראָפּן.

די רויזן, פון מיין כלהס גאָרטן,
שמעקן פריש נאָך, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן.

דאָ ווײַנט ניט דער טערפּקע פּחד
פאַר גזר פון וויאַנען:
דער קאָרן, פון ערשטן פאַרזיי,
גאָלדיקט אַלץ נאָך איבער לאַנען,

און דײַנע צעפּ, הירשן־ברוין,
האָבן פאַרהיט דעם מיידלישן שימער,
זיי לייכטן פונקט אַזוי,
ווי אין וואַלד, אין ערשטן זומער...

אַ לויב צו דיר, פאַטערלאַנד, וואָרט,
אייביק געגרונטפעסטיקט,
דער בלויער שפּיל־פויגל האָט זײַן היים,
אין דיר הללויהדיק, פאַרנעסטיקט.

סנהדריה

אין פעלדזיקע היילן מיט ווילד־פלייש פון מאַכן פאַרוואַקסן,
די פינצטערנישן וואַגלען, ווי פאַרלאָשענע שטערן, אָן אַקסן,
און סעהויערט די שטומקייט ווי אַ בער אַ פאַרטייעטער אין זיין
ווינטערדיק פּאָפן,
אפילו די צייט האָט צעבראָכן איר זייגער — נישט פאַראַן קיין אָנהייב,
קיין סופן,
דער איינציקער יש, וואָס פאַרמאָגט דאָ גבול און זמן, בין בלויז איך עס!
וואָסזשע טו איך אין תשכ״א דאָ צווישן קברים פון סנהדרישן יחוס?

מיט לעבעדיקע נאָז־פליגל זויג איך דעם ריח פון אוראַלט, וואָס הויערט
ווי אַ מערמלענער נסתר
איך פּרוּוו דערניוכען אונטער פעלדז־הויט, אַ לעבעדיקן צאַפּל, אַ פליסטער,
איך בויג זיך און קלעטער אין אויסהויל פון קבר אין לייב פון געשטיינער,
איך רוף אין דער שטומקייט, און סעפאַלט מיין קול ווי אַ האָגל צוריק
אין די אייגענע ביינער!
איצט פאַרהאַלט איך מיין אָטעם, איך בין אַ ברעקלעך צייט אין אומצייט
פאַרלאָשן.

מיר דוכט: איך וועל אַ ריר טאָן מיין צונג, וועט זי רעדן מיט אַ פעלדזיקן
לשון.
מיט לשון פון היילן, מיט טראָפן פון שאַרבנס צווישן גראַניטענע קאַרבן,
איך ליג אין הייל פון סנהדרין און מיר דוכט: איך בין פון לאַנג שוין
געשטאָרבן.
קען זיין, איך בין אַליין אַמאָל איינער פון די זקני־סנהדרין געווען אין
אַלט־ירושלים.
איצט געדענק איך מער גאָרנישט: מאַכיקער שטיין אַצינד איז מיין רעיון.

אויך דער שר פון דער צייט הויערט פאַרקאַוועט אין חשכות פון היילן:
קיינער מעסט נישט די טעג און די נעכט, אויך יאָרהונדערטער טוט קיינער נישט ציילן,

פעלדזיקע איבער־צייט, איבער־גבול, איבער־לשון!
פאַר אַ רגע געווען ביז דער איינציקער פונק דאָ,
אַצינד בין איך אויך שוין פאַרלאָשן,

אין פעלדזיקע היילן מיט ווילד־פלייש פון מאָכן פאַרוואַקסן,
די פינצטערנישן וואָגלען, ווי פאַרלאָשענע שטערן, אָן אַקסן!

ווינטער־לידער

הוי, קונצן־מאַכער, קונצן־מאַכער, הוי,
באַווייז אַ פּאָקום: אַהער צום כאַמסיניקן בראַנד,
ברענג דעם ווינטער־צווײַט פון מיין קינדערלאַנד,
גאַטס קלוגן שמעקנדיקן שניי.

פאַרוואָר, קינדעריאָרן שטאַרבן ניט: כּבֿיכול טוט באַהאַלטן זיי,
אין זיידנס סעדער צווישן שלאָפנדיקע וויינשלשטאַמען,
און ווען עס קומט די צייט, שמייכלט ער און זאָגט צו זיי אַזוי:
— קינדער, שפּאַנט צוריק צו אייער טאַטע־מאַמע.

אויך טאַטע־מאַמע שטאַרבן ניט: אונטער אייזהויט פון די טייכן
וואַרטן זיי ביז גאָט־ברוך־הוא וועט געבן זיי דעם צייכן...

איצט פאַרשלים איך מיינע אַפּלען אין כאַמסיניקן בראַנד
און פיל: אַלע שניישוואַלבן, פליִען אַהער פון מיין קינדערלאַנד.
— סקאָצל קומט, זאָג איך, טייערע געסט, און איך קוועל,
מיט אַ מאָל דערהאָרך איך מיין מאַמעס קול,
זי שטייט אויף דער פאַרפרוירענער שוועל:
— יאַנקעלע, רופט זי, יאַנקעלע פאַרקנעפּל פון טילעפּל די קנעפּ...

איך האָב קיין צייט ניט צו פאָלגן, איך דערזע דעם פאַכטערס מויד,
דימענטענע אייזליכט שטראַלן אויף אירע גילדענע צעפּ.
זי לאַכט און בייסט אַ רויטן ווינטערעפּל מיט די פאַרשנייטע ציין,
און מיר איז גוט, גוט אַזוי ביז אַיִך אויסצוגיין.

ב

אהא, סאַראַ תענוג צו זינגען ווינטערלידער אין טעג כּאַמסיניקע
בעת די זון פּאַפּט עובר־בטל אויפן טויטן ווינט.
גיי דעמאָלט און קלייב צונויף דיין הוויזגעזינד
און דער עיקר — די סאַבּרעלעך דיינע די יונגינקע...
און זינג, זינג פאַר זיי
דאָס שיינע ליד פון שמעקנדיקן שניי.
וואָרהאַפטיק, איך געדענק נאָך דעם ריח פון ערשטן שניי אין זיידנס סעדער.
ער שמעקט מיט אַגרעסן און מיט ליטקעם באַרוועסע פון פּאַכטערס מויד,
בעת זי שפּרייזט פון טייך אַרויס און עס ברענט האַרט און קאַלט איר הויט.
איך פלעג זי זען ביים טייך דורך די צווייגן פון דיביימער...
איך געדענק נאָך אפילו דעם ריח פון ערשטן שניימענטש, וואָס געקנאַטן
איך האָב לעבן זיידנס שטאַל, איך געדענק דעם ריח פון זיין שניילייב,
געשמעקט האָט ער ווי חוה, אדם הראשונס ווייב,
בעת זי האָט צום עץ־הדעת, ווי אַ פּאַנעלע, געטראָטן...
שפּעטער האָב איך אַלע ריחות פון שניי אין מיין ליד אַריינגעקנאַטן.
וואָרהאַפטיק, אַ בשמים־הדסל איז מיין ליד געוואָרן, עס באַהאַלט
אַלע טערפּקע ריחות פון אַמאָלן.
איך געדענק: מיט שאַפּענע פעלצן און מיט קוטשמעס ווילדע ווי הוצולן,
פליען דאָרפס־יידן אויף שליטנס צום ווינטערדיקן וואַלד,
און אונטער שוואַרצע פערד, דער ווייסער פראָסט,
האָט אויף לבנה־פידלען, אַ וואָלעכל, שפּילן געלאָזט.
איך זיץ צווישן זיי און די פליגלען פון מיין נאָז
ניוכען צום מלך־ווינטערס פּאַלאַצן, געשליפן פון פּאַרפּרווירענעם גלאָז,
די פּאַלאַצן הענגען ליכטיקע צווישן מערמלנע סקאַלעס.

ביי נאַכט טאַנצן דאָרט דעם מילנערס פאַרכישופטע טעכטער, אַלע זיבן
זענען כּלות.
פון אשמדאים לייבלעכע געזעלן
אויף די מיידלעכס נאַקעטע ברוסטן ציטערן בריליאַנטענע שטערן־קרעלן.

מיר דוכט: די קרעלן שמעקן ווי רויטע יאַגדעס אונטער ווייסן שניי.
און אַז איך לעק דעם שליטן, מיט מיין צונג, דערפיל איך זיי,
אי די קרעלן אי די ברוסטן פון די זיבן פאַרכישופטע כלות,
אויפן פאַרפרוירענעם טייך צווישן מערמלנע סקאַלעס...

ג

לאָמיר זינגען, ווייטער זינגען וועגן שניי און פראָסט
און וועגן אַלע שניימענטשן, אוי די שניימענטשן,
וואָס מיר האָבן אין זיידנס גאָרטן אויף הפקר געלאָזט.
אַהאַ, וואָס געשעט מיט דער נשמה פון שניימענטש, בעת זיין שנייִיק
געהיל צעשמעלצט?
אַזוי האָט געפרעגט פאַר פערציק יאָר, אַ יינגעלע אין אַ ווייס בערך־
מענטעלע אָנגעפּעלצט...

היינט נאָך פערציק יאָר פרעגט עס גיט מער, וואָרעם עס ווייס:
דער זעלבער גורל אויך פאַר מענטש פון בלוט און פלייש.
לאָמיר זינגען, ווייטער זינגען וועגן שניי און פראָסט
און וועגן אַלע באַשעפענישן, וואָס גאָט האָט אויף הפקר געלאָזט.

ד

האַלצהעקערס מיט האַרטע קופּערנע בערד,
אויף ווייסע הירזשענדיקע פערד,
צו וועלדער רייטן ווי קאַצאַפּעס,
זילבערנע העק פול מיט זונפייגל,
שטראַלן אין זייערע רויטע לאַפּעס.
ביימער האַקן רייטן זיי צום וואַלד.
גאַווריליעס האַרמאָשקע אין ווייסער שטילעניש שאַלט.
מיר דוכט: די שניי־מלכה זיצט אין די סאַליעס פון מלך־ווינטער
און שמייכלט צו גאַווריעלן און זיין האַרמאָשקע, וואָס שפּילט אויפן
פּוילישן צווינטער.
די שניי־מלכה ווייס, אַז גאַווריליע האָט באַגראָבן דאָ זיין כלה, די
קראַסאַוויצע פּאַראַסקע,
שטרעקט זי אירע שנייהענט צו גאַווריליעס בלאָנדן קאָפּ און טוט אים
אַ לאַסקע...

נאָר קיינער זעט עס ניט, קיינער חוץ מיר, קיינער, קיינער.
די האַלצהעקערס באַשפּייען די רויטע דלאָניעס און נעמען זעגן די
די קרעכצנדיקע ביימער.

ה

קונצן-מאַכערס זענען מיר:
אַ מאָל פלעג איך אין פּאַדאָליע אין מיין היים, צווישן ווינטערדיקע טאָלן,
אויף פאַרפרוירענע שויבן מעשיות פון חומש, מיט די פינגער מיינע מאָלן.
היינט זיץ איך אין די בערג פון יהודה אין כאַמסיניקן בראַנד,
און מאָל מיט אַ מאַנדלשטעקן אין זאַמד, מיין פּאָדאָליער קינדערלאַנד.
אַהאַ, איך שעם זיך אויסצוזאָגן:
אַפילו ניקיטאַ-שבת-גוי, וואָס פלעגט אין חדר אונדז טראָגן,
ווערט מיר פלוצלונג ליב און היימיש,
כאָטש ער איז אַ פּראָסטער גוי און ניט קיין ייִד פון חומש.
איך געדענק: בלויער ווינטער פאַרנאַכט, ניקיטאַ טראָגט אונדז פון חדר,
גלאָקן קלינגען פון הינטערן באַרג, ערגעץ טראָגט מען אַ פּגר.
ניקיטאַס אויגן פינטלען, שוואַרצע פייגל קראַקען אין פּלי.
מיט אַ מאָל לאָזט זיך דער שבת-גוי אַראָפּ אויף די קני,
זיינע אויגן גלאָצן צום יויזל, וואָס הענגט אויף אַ דראָנג, פאַרשעמט
נאַקעט, אָפּגעשליסן,
און אַ פּנים האָט דאָס יויזל ווי אַ חדר-יינגל, וואָס דער רבי האָט אָקערשט
אָפּגעשמיסן.
פון דעמאָלט אָן האָב איך דערפילט אַ קאַפּל רחמנות צום גויישן גאָט,
ווייל ער האָט אַזוינע טרויעריקע ייִדישע אויגן געהאַט.

ו

ליד איז געגליכן אַ מאָל צו אַ זויגקינד אין דרימלענדיקן גלוסטן;
ס'איז ניט קיין חילוק אים, צי זייגט עס פון דער מאַמעס כשרער מילך
צי פון דער גויִשער אַמס טריפהנע ברוסטן...
זיינע אייגעלעך שמוכען פאַרזשמורעטע און פון די רויטע ליפּלעך טריפט
אַראָפּ די מילעך,

צי וואָס דערצייל איך דאָס? צי דערמיט פאַרענטפערן וויל איך
דאָס ליד מיינס, וואָס זינגט וועגן דער טריפהנער ערד פון פּאָדאָליע?
אוי, דאָליאַ נאַשאַ דאָליאַ!
געוואָלט האָב איך ווינטערלידער זינגען,
זענען פלוצעם ניקיטאַס שקצים,
אין מיין בשׂמים-הדסל אַריינגעשפּרונגען,
מיט רויטע העק אין ווייסן שניי.
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי?
צי זאָל איך לאָזן מיין ליד ווי אַ קרעטשמע אַ הפקרע אין שליאַך:
צדיקים און גזלנים הויזן אונטערן זעלביקן דאַך,
און צי טוט דען ניט כּבֿיכול אַזוי מיט זיין וועלט,
וואָס ער האָט מיט אַלע שיינקייטן פאַר אַלע הפקר-יונגען אַרויס-
געשטעלט?
וואָס האָב איך דען געוואָלט? באַהאַלטן זיך אין מיין קינדיש בערן-
מענטעלע
און אַ קליין שליטעלע פירן מיט מיין פּיצל הענטעלע
און מיט אַ מאָל... פון געבערג און פונעם טאָל — טשאַטעס מיט הוצולן,
צעהאַקן אַלע שנייבלומען וואָס איך האָב אויף די בית-המדרש-שויבן
אויסגעמאָלן.
איצט זיץ איך מיטן שניי אויף מיין קאָפּ אין כאַמסיניקן בראַנד
און מאָל קברים אין הייסן רויטן זאַמד.
און גאָט? אָהאָ, איך באַנעם אים ניט מיין —
ווי אַזוי האָט ער מיין זיידן דעם ניסתר און ניקיטאַס שקצים,
געקנאָטן פון זעלביקן ליים?
מיין וועלט-חשבון איז קיין חשבון ניט מיין.
סאַראַ כאַמסיניקער קאָשמאַר... איך ווער מידער, מידער, מידער...
זיי מוחל, איך וועל ניט פאַרענדיקן מיינע ווינטערדיקע לידער.

גאָט רעדט נישט מער...

גאָט רעדט נישט מער
ווי אין די טעג פון חומש,
ער שטראַלט נישט אויף, אין פייער־וואָלקן,
איבער אונדזער דאַך.
אָדם און חוה אַנטרינען זענען אין גאָרטן־טיף,
פון גאָטס אַנטפּלעקטער מראה,
און מיר — לויפן זוכן אים
אין טונקל פון אַ פאַרמאַכטער קנאָספּ...

באַרוועסע טריט פון מלאכים,
קושן נישט מער אונדזער שוועל,
ווי אין די טעג פון אבות.
נאָר אונדזער בענקעניש ווייגט
נאָך זייערע בלויע פליגל,
וואָס שווימען ווי דערטראַנקענע לבנות,
איבער אַלע טייכן פון דער וועלט...

חצות טוליען מיר די אויערן צום שלאָפנדיקן גראָז,
צו אַ בוים־בלאַט, צו דער הויט פון יונגע פּירות:
מיר זוכן גאָטס שמעקנדיק שווייגן און פּרוּוון עס טייטשן
מיטן שאָטן פון ערב־ליד...

די אָבות געהערט האָבן גאָטס רייד,
און מיר דיכטן פאַרהוילענע לידער,
צו פאַרהילן אונדזער נאַקעטע בענקשאַפט נאָך גאָטס אָטעם,
וואָס איז שטילער ווי דער דעך פון געשטערן,
איבער שלאָפנדיקע אָזיערעס, ווינטערצייט.

ווינט אונדזער עלנט און דאָס געוויין
איז טונקל־בלאָ,
ווי דער שאָטן פון אַ טויטן פויגל
איבערן ווייסן שניי פון אַ געשטאָרבענעם וואַלד.

גאָט רעדט נישט מער,
ער איז מיד, קלוג און אַלט:
גאָט גלויבט נישט מער
אין געטלעכקייט פון ווערטער...

באַלעט פון ליליפוטן

א

ווער איז דער באַלעט־מייסטער, וואָס האָט אויסטערליש, משונה
אויסגעמייסטרעוועט פון וואַלקנשניי, אין אוניווערס, אַ בינע?
אַזאַ ריזיקן אייזפּלאַץ פון בלויען קרישטאָלענעם פראָסט?
דערנאָך האָט ער דעם באַלעט פון קאַרליקעס, אויף מעשענע גליטשערס,
אַרויסגעלאָזט.
אַלע שטערנלאָמפּן האָבן זיי מיט ליליפוטן־הענט אָנגעצונדן, איצט טאַנצן
זיי די פּיצלעך,
מיט לינקע הענטלעך אויף בייכלעך, מיט רעכטע — אויף רויטע מיצלעך.
איז עס אַ קינדערטאַנץ אָדער מטורפדיקער חוזק?
וואָס מיינט ער דער מייסטער פון באַלעט?
צי אפשר מיינט ער גאָרנישט, גאָרנישט חוץ ווייטאָגדיקע שיינקייט
און ער פירט אוים בלויז, אין פאַרבענקטקייט,
אַ פאַרגעסענע דראַמע פון אַ לאַנג־פאַרשטאַרבענעם פּאָעט?

ב

די מוזיק אויפן אייזפּלאַץ איז שטיל און באַהאַלטן,
ווי לבנה ביים גלעטן אַ דאַרשטיקן וואָלקן.
נאָר דאָס געגלעט פון די צווערגישע גליטשערס אויף אייזיקע דילן
איז נאָך פאַרבאָרגענער און שטילער ווי דאָס פאַרבאָרגענע שפּילן.
זייער טאַנץ איז ווי אַ מיניען־זיך אין נאַכטישע קוואַלן,
ווי קליינע לבנות זענען אין מיטן חלום פאַרבענקט אַריינגעפאַלן.
נאָר מיט אַ מאָל נעמען זיי קלינגען אין די שטערנגלאָקן מיט די ליליפוטן־
פינגער,
און דאָס געקלאַנג איז גערוף און געוויין, ווי עס וואָלטן אויסגעגאַן פון
הונגער
אַלע וועלטן אין אינסופיקער אַליינקייט...

סאַראַ מטורפדיקע שיינקייט
אין הונגער נאָך פראַכט איז פאַרבאָרגן!
איצט טאַנצן דעם טאַנץ פון פאַרבענקטקייט,
די אייזיק־בריליאַנטענע צווערגן.

ג
איך ליג אין דער וויגשטול אין מיין צעצוויטעטן גאָרטן
און גאַף אויפן כמאַרע־באַלעט: איצט טאַנצן ליליפוטן
אויס שטיקער לעבעדיקן חומש: אין בלויען, סאַמעטענעם שאָטן
פון גילדענעם עפּלבוים שווינדלען אין אַ פייערטאַנץ פון תאווה,
נאַקעט ווי די ערד האָט זיי געבוירן, אדם און חוה...
פון זייערע לעפצן רינט פורפורזאַפט פון פירות פאַרבאָטענע,
ווי אַ קוואַל אין ווילדער נאַקעטער צעזוניקטקייט.
גאָט קווענט אין זיך, זיין אָנגעזיכט דאָס צעשמייכלטע
לאַכט צו אדם און חוהס ווידערשפּעניקייט:
ווייל אַזוי, זיי האָבן צום בוים געשטרעקט די הענט די הפקרע,
און פון עץ־הדעת־פרוכט געגאַסן...
גאָט קווענט אין זיך, נאָר זיין פּנים דאָס צעשמייכלטע
ווערט אַ קופּערוואָלקן מיט כעס פאַרריגלט און פאַרשלאָסן:
ער שפּילט דעם ברוגזן, דער האַר, אין זיינע אַפּלען טאַנצן בליצן,
און ווי געדונער קייקלט זיך זיין קול איבערן לונאַפּאַרק פון שטערן::
איר האָט מיין געבאָט ווידערשפּעניקט, איר ערד־געבוירענע,
איצט וועט מיין שטראָף קריק צו ערד אייך קערן.
דעם באַשעפערס קול דונערט, נאָר זיין האַרץ ווי אַ רויז מיט ריח,
פול מיט תענוג איז פון שפּיל פאַרשייטן:
ער וועט שפּילן, רעדט גאָט אין זיך, ווייטער שפּילן,
דאָס שפּיל פון שכר און עונש, ביזן סוף פון אַלע צייטן...

ד
איך ליג אין מיין גאָרטן, גאַף אויפן באַלעט און טראַכט:
וואָרהאַפטיק, נאָך אייהער גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, נאָך איידער
העט־העט־העט,

צום אַלער ערשטן געוועזן איז, זיין מאַיעסטעט, דער פּאָעט,
דער פּאָעט און זיין באַלעט — די גרויסע צוויי־אייניקייט.
נאָר דער פּאָעט איז לאַנג שוין געשטאָרבן און געבליבן איז דער באַלעט
אין זיין אַל־אַליינקייט,

אהאַ, ליליפּוטן! איצט שניידט קין הבלם הארץ אויף מיט אַ ברילױאַנ־
טענעם שטיין:
פון הבלם הארץ, וואָס ליגט אויפגעשניטן, ווי אַ יונגע זאַפטיקע פרוכט,
אין פרימאָרגן,
קוועלט אַזאַ פּורפּורזאַפט... איז אין יעדנס פלייש און ביין אַזאַ פּורפּור־
פּראַכט פאַרבאָרגן?

קין שטייט איבער זיין טויטן ברודער און טוט זיין פּראַכט באַגאַפן
און ווייס ניט, אַז דער האר, וואָס האָט אים און הבלן באַשאַפן,
קוועלט אויך פון תענוג: וואָרהאַפטיק, דאָס שפּיל גייט ווייטער, דאָס
שפּיל פון זינדיקן און צאָלן

און דער בורא פאַרשאַרט די קינסטלערלאַקן פון זיין שטערן
און מיט מייסטערשאַפט נעמט ער פרישע חומש־פּרעסקעס מאָלן.

ה

איצט טאַנצן ליליפּוטן דעם שווערדנטאַנץ: מיט זילבערהעק אין רויטן
שטורעם
שטייגן זיי אויף מירמלנע טרעפּ פון קופּערנעם בבלישן טורעם:
ליליפּוטן קעגן גאָט אין געפעכט... כביכול קוועלט אין זיבעטן הימל
פון שיינקייט פאַרשלאָסן,
און פאַרוואַנדלט די צווערגישע צינגער אין אַ זיבעציק־פאַרביקן רעגן־
בויגן פון לשון.

איך זיץ און גאַף און מיינע אויערן פאַרחידושטע האָרכן:
עס רעגנט אין זיי, פון וואָלקן־באַלעט, אַ מבול פון טויזנטער שאָרכן.
טראָפּן פון זיבעציק אָקערשט געבוירענע שפּראַכן. זייער ריח דערפילט
איצט מיין גומען.
איך בין לויטער געהאָרך. מיט אַ מאָל דערהער איך, מען רופט מיך
ביים נאָמען:
— יעקב! יעקב! און דאָס קול איז אַזוי זיס, נאָענט און אייגן.

איצט דערזע איך: מיין פרוי שטייט אונטערן עפּלבוים צווישן די צווייגן:

— יעקב, זאָגט זי — יעקב, ס'איז שפּעט נאַכט און געגרייט שוין דאָס בעט.

איך שווייג... צי זאָל איך דערציילן איר פון מטורפדיקן צווערגן־באַלעט?
ווער דען באַנעמען מיין גוטע פרוי און דאָס קינד אין אירע הענט,
אַז אויך זיי זענען צווערגן אין סודותדיקן שטערן־געבלענד?
איך שווייג און שפּאַן דורך דער „בינע".
וואָס האָט געמיינט דער באַלעט־מייסטער, וואָס האָט אויסטערליש, משונה
אויסגעמייסטרעוועט דעם מטורפדיקן באַלעט?
צי אפשר מיינט ער גאָרנישט, גאָרנישט חוץ ווייטיקלעכע שיינקייט
און ער פירט אוים בלויז, אין פאַרבענקטקייט,
אַ פאַרגעסענע דראַמע פון אַ לאַנג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט?...

לאָמיר בייטן

קום, לאָמיר בייטן די ראָלן,
ברודער פעלדז פאַר מיין שוועל:
איך שענק דיר מחשבה, אומרו, און עולן,
און דו, דו דאַרפסט נאָר באַצאָלן
מיט דיין טעמפּער שטיינערנער פעל.

קלייד אָן מיינע פליישן און גלידער
און איך — וועל רוען אין דיין שטיינערנער הויט.
וועסט דיאַלאָגעווען מיט גאָט, כליפּען טראַגישע לידער
וועגן וועלט־זין, תוהו ובוהו, קידער־ווידער,
און לידלענדיק זיך שליטלען צום טויט.

איך פאַרגין דיר ברודער פעלדז די נסיעה.
מיד בין איך און וויל רוען אין דיין פעל.

איך וועל פאַרשליסן מיין שטיינערנע וויע
און גוט וועט זיין מיר דעם פעלדז אין דער שקיעה
צו ליגן ביין דיין מענטשלעכער שוועל.

ליגן פעלדזיק־שטייניק און גאַפן
צו דער טיר פון מענטשלעכן הויז.
דו וועסט בייסן מיט די ציין די טראָפּן
פון די סטראָפן, וואָס פרוּוון באַשאַפן
אַן אָדע מאַכטיק און גרויס.

איך וועל נישט מקנא־זיין דיך בן אדם און דיכטער,
די ברענענדיקע קאַטערינקע צווישן בעטלערס אויפן מאַרק.
סאַראַ שפּיל אַרום דיר פון ליכטער און געזיכטער,
פּאַיאַצן און הייליקע, זינדיקע און ריכטער,
וואָס קלעטערן און פאַלן ביים ראַנד פונעם באַרג.

נאָר מיר איינעם וועט גוט זיין, אַ שטיין צווישן שטיינער.
איך וועל נישט בייטן מיין געשטאַלט דור איין און דור אוים.

איך וועל זען ווי די יאָגסט אין מיינע ברענענדיקע פליישן און ביינער,
שרייסט צו גאָט און עס ענטפערט דיר קיינער.
און איך וועל שטומען קלוג ביי דער שוועל פון דיין הויז.

אַ גאַנץ רחמנות אויף תּרחן

אין קינדער־צימער מיין טעכטערל איבער האָניק־ברוינעם פלאַסטעלין.
אַזוי איז דער באַשאַפער אַמאָל איבערן ערשטן ליים, אין קאַיאַריקן בורשטין,
געשטאַנען און געקנאָטן זיין אדם... מיין טעכטערל טוט אויך אַזוי ווי ער:
איצט לאַכט זי צום ערשטן מענטש, צום ערשטן פלאַטערל, צום ערשטן בער,
און אירע ליפלעך ציטערן: „כּי־טוב", און זי שטעלט זיך אויף די קני,
הייבט אויף אַן אָקערשט באַשאַפן טייבעלע: — פלי, זאָגט זי, פלי.
און כאָטש דאָס פייגעלע פאָלגט ניט, טוט מיט קיין פליגל ניט קיין הויב,
אַנטווישט זיך נישט דער קליינער גאָט: אַבאַ, זאָגט זי, לאָך ניט פון דער טויב,
זאָג ניט: זי איז קיין אמתע. מען דאַרף קיין שפּיל פאַרדאַרבן, ניין...
און זי שמייכלט ווידער: „כּי־טוב" איבער אירע ברואימלעך פון ליים.

ב

מיין טעכטערל פּיעשטשעט זיך און אין איר קולעכל דערהער איך,
אַן אַנדער קול, דאָס קול פון עלטער־עלטער־עלטער־זיידן תּרח:
— אברהם, בעט ער זיך, אברהם מיין זון, ניטע, טשעפּע ניט דיין טאַטנס געטער,
זאָג ניט: זיי זענען קיין אמתע. עס שפּאַנט דער זיידע תּרח,
מיט פולע שיסלען וויירעך און שמעקנדיקע בלעטער.
פאַרן אָפענעם געצעלט שטייט זיין זון ווי אַ קריגער גרויס, מאַכטיק און שטאָלץ
און קיצלט דאָס גווידערל פון אַ קליינעם גאָט, אויסגעשניצט פון האָלץ.
ער לאַכט אברהם און זיין יעדער קוק איז חוזק און געשפּאַט.
און אַנקעגן אים שטייט דער אַלטער פאָטער תּרח

און טוליעט צו זיין האַרץ די האַרטע באָרד פון אַ בראָנדז־געהאַקטן גאָט.
אָהאָ, וואָרהאַפטיק, סאַראַ גאָטס רחמנות אויפן אַלטן קליינעם תרח
און אויף אַלע קינדער, וואָס ווילן אַ שפיל טאָן אַ רגעלע
אין אומהיימלעכן מידבר פון אין־סוף.
איצט אין שפּילצימער פון מיין טעכטערל, מיין עלטער־זיידנס קול
דערהער איך,
און לכבוד אים שניץ איך איצט מיין סטראָף.

ג

הונדערט גוואַלדאָוונע געטער פאַרמאָגט דער זיידע תרח
און יעדער גאָט, פול גנאָד, טוט באַשירעמען, באַשיצן.
ווינטערצייט גייען די גרויסע וואַסערן, און עס רייטן אויף זיי
שוואַרצע דונערן און רויטע בליצן.
אַזאַ קריגס־געיובל שאַלט דורך די שטורעם־חילות, איבער באַרגיקע
שוועלן!
פון פאָרנט רייט דער האַר פון צעהוזשעטן געוועסער
אויף אַ ניל־פערד, וואָס פלאַקערט מיט בליציקע קרעלן,
און נאָך אים — דאָס וואַסערפאָלק, עס ברענען זייערע פערלמוטערנע
פעלן
אין אָפשיין פון אַ רויטער לבנה, וואָס שווימט ווי אַ פלאַקערדיק מעסער.

דעמאָלט באַהאַלט דער זיידע תרח זיין קליינעם קאָפּ אין שוים פון דער
מאַכטיקער גאָטיכע,
וואָס שפּרייט איבער אים לייטזעליק אירע בראָנדזענע בריסטן.
און תרח לעקט איר בויך, באַשמירט מיט כלערליי קרייטעכצער און
געווירצן.
אַ פייערל אַ מחיהדיקס פלאַקערט איר צופוסן.
און גוט איז דעמאָלט תרחן, אַלע אברים זיינע דעמפן צעפּאַרעטע
און שוויצן.
אַזאַ היימלעכע ליבע וואַרעמקייט, אַלע גרויסע און קליינע געטער קוועלן
פון תענוג.
איבער זייערע לעפצן האָט תרח געלאָזט רינען יונגן שמעקנדיקן האָניק.

אויך מיטן שמאַלץ פון פעטע אָקסן האָט ער זייערע נאָזפליגל געטאָן זאַלבן.
און פאַר דער גאָטיכע פון פרוכטבאַרקייט האָט ער אַ באַזונדער מאַלצייט געגרייט,
אַ שיסל מיט רויטן בלוט פון יונגינקע שוואַלבן.
דערפאַר האָט די גאָטיכע באַלוינט דעם אַלטן תרח, געשאָנקען אים מאַנסבילשן כוח און האַפט:
שטייפקייט פון קנאָספּ און פרישקייט פון זאַפט.
קוועלט ער דער זיידע תרח, גאָר פּלוצעם דערזעט ער,
זיין זון אברהמען, ביים טיר פון טעמפּל שטייט ער
און ווי אַ האַגל פאַלט דאָס געלעכטער פון זיינע הייסע שוואַרצאַפּלען,
אַז די געטער, רונד אַרום, שרומפּן איין, ווערן קלענער און נעמען ווי קינדער צאַפּלען.
— אברהם, אברהם, שרייט תרח, — אברהם מיין זון, ניט לייג דיין האַנט אויפן טאַטנס געטער!
אברהם שוויגט. נאָר איך... איך. יעקב בן שלום, זע, אַז די צייט, וואָס וועט צייטיקן שפּעטער,
באַצאָלן וועט אברהמען: זיינע קינדס-קינדס-קינדער, זיינע אַרבער,
וועלן אויך אברהמס אלוהים מיט זייער געלעכטער באַפאַלן ווי שפּאַרבער.
אין יעדן דור, שטייען זיי אויף די גרויסע שפּיל-פּאַרדאַרבער,
לאַכן, דאָס גרויסע געלעכטער, לאַכן און די פּיצלעך קינדער אין די עלנטע היימען,
טוליען די קעפּעלעך צו דער מאַמע-נאַכט, טוליען זיך און וויינען.
אַהאַ, זייער געוויין, דורך אַלע דורות, פאַרנעם איך. הער איך:
עס טראָגט זיך פון מיין טעכטערל אין בית-דגון
ביזקל חרן, צום עלטער-זיידן אירן תרח...

ד

נאַכט איבער חרן.
אברהם שפּאַנט מיט דאַרשטיקע אויגן צו אין-סופן.
און פאַר דער הייזקע, אין פעלד מיט יונגן קאָרן,
ליגט דער אַלטער תרח, קען ניט שלאָפן.

די טיר פון טעמפל שטייט אויפגעפראלט און אפן
און תרח זעט: אין לבנה־שיין, צעפערטלט אויף דער ערד,
וואלגערן זיך הענט און פים פון געטער,
וואס אברהם זיין זון האט פארשניטן מיט דער שווערד.

הוי, אזוינע טייערע, ליבע געטער געווען זענען זיי,
ווי דעם פייגנבוים אין גארטן און דעם קוואל אין בארג,
האט דיין האנט געקענט אנטאפן זייערע האר,
זייערע באקן און דעם קארק...
און אלוהים? דער גאט פון אברהם, וואסער גאט איז ער,
אז תרחס אויגן דערזעען ניט זיין מראה און געשטאלט?
אז תרחס פינגער באַרירן ניט זיין דופטנדיק געוואנט?
פאר וועמען וועט דער אלטער וויינען: „סע טוען ווי די ציין",
פאר וועמען וועט דער שלאפער תרח קלאגן: „די פים ווילן מער ניט גיין",
צי קען דער גאט פון אברהמען, וואס וווינט פון יענער זייט זון־און־שטערן,
תרחס געוויין, לעבן אלטן פייגנבוים, דערהערן?

ה

לעבן ברונעם זיצט דער זיידע תרח, וויינט.
זיינע ביינערדיקע געלע פינגער ציטערן ארום בוזעם, סודותדיק. געהיים.
איך וויים: דער אלטער האט אין בוזעם אויסבאהאלטן זיין לעצט גאטעלע,
אז די לעסטערנדיקע אויגן פון זיין זון אברהם זאלן עס ניט דערזען.
און אז די נאכט נידערט איבער די לאנקעס פון חרן,
צעשפיליעט דער זיידע תרח זיין ליינען העמד
און נעמט פאמעלעך זיין גאט ארוים, מיט וויינענדיקע הענט.
ער שטעלט אוועק אים צווישן יונגן קארן
און קניט פאר אים: — גאט, כליפעט ער, גאט, טייער גאטעלע,
דערבארעם זיך, דערבארעם זיך אויף תרחן דעם פארשעמטן טאטעלע,
אזא ווייסטע, פינצטערע עלנקייט איז ארום תרחן, אן דיר,
לעצטער מיינער, לעצטער פון אלע געטער, ווי צו מיר...
און תרח טוליעט זיך צו גאט און וויים ניט, אז נאענט דא אין קארן,
זיצט די אלטע זיינע, דאס ווייב, וואס האט אברהמען געבארן.

זי זיצט ווי ער און וויינט, צעשפּיליעט אויך איר העמד,
און נעמט פּאַמעלעך איר גאַט אַרויס מיט וויינענדיקע הענט.
וואָס וויל דער מענטש? אַ קריגל וואַסער וויל ער און ברויט
און אַ גאָט אַ גוטן לעבן זיין אַלקערל אין שכנות.
סאַראַ גאָטס רחמנות ס'איז אויפן קליינעם עלנטן אדם! ווער, ווער,
וועט זיך דערבאַרעמען אויף אים, אין מידבר פון אין־סוף?

ו

מיינע אויגן לויפן איבער חרן און קומען פאַרוויינטע אָן,
אין שפּילשטוב פון מיין טעכטערל, צוריק קין בית־דגון.
זי שטייט צווישן אירע שפּילעכער, מענטשעלעך, בערעלעך, טייבעלעך
און קוועלט.
— טעכטערל, זאָג איך, טעכטערל, אַזאַ וועלט, אַזאַ אויסטערלישע וועלט.
אירע אויגן גלעטן מיך, קוקן מיט געבעט:
— אבאַ, שעפּטשעט זי, — און אירע רייד כוואַליען שטילערהייט —
זאָג ניט, אבאַ, „ניט קיין אמתע"... מען טאָר קיין שפּיל פאַרדאַרבן,
אַניט קענען אַלע מענטשעלעך און בערן קראַנק ווערן און, חלילה,
שטאַרבן.
מיין טעכטערל בעט זיך און איך נעם אויף די קני זי און גלעט איר
די האָר:
— חלילה, טעכטערל, חלילה, אַלע מענטשן, אַלע בערן, אַלע באַנען און
שיפן זענען וואָר,
וואָר, וואָר... און איך דריק מיין קינד צום האַרץ, דריק זי צו צו מיר
און הער, ווי דער זיידע תרח וויינט אין דער פינצטער, פון יענער זייט
טיר.

כמעט אַ שפּאַס

און ווייל אין אַלע הימלען זיבן
איז ניט געבליבן קיין קרישקע ברויט,
איז דער בורא אַוועק, מיטן ערשטן מאָרגן־רויט,
אויף אַ לעבל ברויט צו פאַרדינען.
באַשאַפן האָט דער שאַפער צוועלף זונען־קרענץ מיט לידער,
האָט ער זיי אַוועקגעטראָגן צו די אדמס,
וואָס וווינען אין די כאַטעס אין דער נידער.

מיט ענוותדיק־אַראָפּגעלאָזטע אַפּלען
האָט דער בורא, מיט זיין שאַפונג, געהאָפּסלט איבער גרויע שטאָפּלען,
וואָס פירן צו די געמאַכן פון אַן אוונטבלאַט.

נאָר די אדמס האָבן ניט באַנומען ניט דעם רמז און ניט פשט
פון די לידער... איז פאַרן בורא קיין ברירה ניט געבליבן:
ער האָט אַן אַקטועלן רעפּאָרטאַזש אָנגעשריבן
וועגן גערעטעניש פון קנאַבל פּעטרישקע און קאָרן.
האָט דער בורא גענומען דעם האָנאָראַר און געקויפט מילך מיט ברויט,
האָט ער געגעסן און איז זאַט געוואָרן...

דערנאָך האָט זיך דער שאַפער אין די הימלען אָנגעליינט
און איינער אַליין, פאַר זיך אַליין געוויינט,
הלמאי ער איז אַ גאָט געבאָרן.

מיין זיידע זאַנזאַני

א

מיין עלטער־עלטער־עלטער זיידע, דער חכם זאַנזאַני, —
זיין באָרד געווען אַ קופּערפּעלדז און אַ פייער־וואָלקן זיינע לאָקן.
ער האָט געטראָגן זילבערנע שטיוול און גילדענע זאָקן
און עד־היום־הזה געפינט זיך זיין דימענטענער צימבל אויפן דאַך
פון אַלטן מוזיי ביים פּערסישן שאַך.

אנטפּלעקט האָט אסתר המלכה מיין זיידן אין געטאָ פון שושן הבירה,
אין פּאַליש פון דער אַלטער שול איז ער געזעסן און ס׳האָט געריגנט
מיט שירה זיין לירע.
— זאַנזאַני — האָט אסתר געזאָגט — זאַנזאַני, ליכטיקער מלך פון גראַם!
און זי האָט אים אָוועקגעפירט מיט איר גאָלדן געשפּאַן
צום פּאַלאַץ... און ווי נאָר דער מלך האָט מיין זיידן מיט דער לירע דערזען,
האָט ער אָראָפּגענידערט פון זיין טראָן און צו זאַנזאַני געלאָזט זיך גיין.
ווארעם ווי שמעקנדיקע יאַגדעס האָבן די גראַמען אויף מיין זיידנס ליפּן
געבליט,
און ס׳האָט אחשורוש דערפילט דעם זיסן ריח און ער האָט געקושט
זיין ליד...

זינט דעמאָלט איז מיין זיידע, דער חכם זאַנזאַני,
געוואָרן דער קליגסטער, פלינקסטער הויפנאַר פון הודו ביז כוש.
זיינע גראַמען האָבן ווי שטערן געפינקלט איבער אחשורושעס טיש.
און ס׳האָבן די הויפליים זיינע גראַמען ווי פּערל געקליבן
און אויף איידלסטן פּאַרמעט איטלעכס וואָרט זיינס פאַרשריבן.

און אזוי האָט געזונגען זאַנזאַני פאַרן מלך און דער עיקר פאַר זיך:
ווער סע פאַרט אין קאַטשן און ווער סע שפרייזט באָרוועס אַן שיך,
ווער סע טונקט זיין ברויט אין טייכוואַסער און ווער אין פורפורנעם וויין,
ניט קיין חילוק, זאָגט זאַנזאַני, דער גילדענער רייטוואָגן פון טאָג,
וועט איבער אַלעמען גלייך פאַרגיין...

און נאָך זאָגט זאַנזאַני, דער גרויסער חכם דער ייִד:
דער פויגל איז קליגער פון מענטש —
ער פאַרמאָגט נאָר פליגל און ליד...
און זאַנזאַני טוט אוים די זילבערנע שטיוול און גילדענע זאָקן
און נעמט אַראָפּ די דימענטענע לצים-מיץ פון די קופּערנע לאָקן:
— מלך, זאָגט ער, — מלך, זע, אויפן פייגנבוים שלאָפט די שטערנשיין
אין אַלבאַסטערנער וויג, רעגנט גאָט זיין ליבשאַפט אַריין.
לאָז, מלך, באַוויליק זאַנזאַני צו רוען צווישן זיי,
און זיין ליד וועט שיין און אמת ווערן ווי דאָס ליד פון סאָלאָוויי,
וואָס איז ניט קיין הויפנאַר ביים מלך און טראָגט ניט קיין גילדן געשפּאַן
און גראַמט ניט פאַר נאַרישע פירשטן זיין קלוגן געפעפערטן גראַם.

אַזוי האָט געדרשנט זאַנזאַני און פאַרשעמט נייגן די פירשטן די קעפּ
און די הויפדאַמעס פאָכן מיט פעכערס און דרייען נערוועז זייערע צעפּ.

נאָר אחשורוש אויפן טראָן רייבט די הענט זיך: אַהאַ שוין איין מאָל
א זאָג —
דיינע גראַמען, מיין טייערער זאַנזאַני, זענען קליגער פון ליכטיקן טאָג.
ער זאָגט עס און לייגט אויפן צימבל אַרויף זיין קיניגלעכע האַנט:
— פאַר דיינע שיינע גראַמען, זאַנזאַני, די שענסטע יונגפרוי
איך שענק דיר אין לאַנד.
און באַפוילן צו די קנעכט האָט דער מלך צו שפּאַנען זיין גילדן געשפּאַן
און פאָרן צום גאָרטן פּאַמפּוזי, וואָס בליט ביים ברעג פונעם ים.
אין גאָרטן פאַראַן צוועלף קוואַלן און צו יעדן קוואַל, קאַיאַר,
קומען צוועלף בת-מלכהס זיך וואַשן זייערע לאַנגע, געקרייזלטע האָר.

און ס'איז געווען ווי ס'האָט דער מלך באַפוילן: נאָך אין זעלבן מעת-לעת,
האָט זאַנזאַני די שענסטע בת-מלכה געבראַכט צו זיין געלעגער פון בעז.
די בת-מלכה איז שפּעטער געוואָרן — איר פאַרשטייט אַליין שוין
מסתם —
מיין עלטער-עלטער-עלטער-באָבע... אין אַ מירמלנעם פּאַלאַץ ביים ים
האָט זי אָפּגעלעבט מיטן זיידן זאַנזאַני ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר,
ביז הונדערט און ניינצן האָבן נאָך אירע אויגן געפינקלט און געלויכטן
אירע גילדענע האָר...

ג

פון מיין זיידן זאַנזאַני כ'האָב דעם טאַלאַנט צו גראַמען געירשנט,
נאָר ניט די קיניגלעכע אויערן וואָס האַרכן זיך איין אין גראַם.
מיין זיידע האָט אין מירמלנע פּאַלאַצן פאַר פּירשטן געדרשנט,
און איך... איך וווין צווישן דזשאַז-טענצערס ביים ברעג פוןעם ים....
וואָלטן די דזשאַז-טענצערס מיינע גראַמען געטאָן באַגערן
וואָלט אויך געווען גוט און וווּיל און ראָז.
נאָר די דזשאַז-טענצערס ווילן מיינע גראַמען ניט הערן,
זיי האָבן ליב פּאַלאַפּעל מיט זיסן גאַזאָז...
אַז מיין זיידן זאַנזאַני איז פון צו פיל ווּילטאָג
נימאס געוואָרן אחשורושעס גילדענער טיש,
האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף אַלע פּירשטן און גראַפן,
העט, העט, פון הודו ביז כוש.
און ער האָט זיך געזעצט אויף זיין דימענטענער קאַרעטע,
און אַוועק צו זיין בת-מלכה ביים זילבערנעם קוואַל,
און איך... איך זיץ לעבן מיין ציג אין דער הילצערנער שטאַל
און צערעווע מיין אַלטע, צעפּליקטע וואָרעטע.
און טראַכטן טראַכט איך: אויף וועמען זאָל איך שפּייען
אין דער גרויסער נודנאָטע,
וואָס האָט אונדז איינגעשפּאַנט אין איר נאַריש געשפּאַן?
קיין מלכים און פּירשטן קומען ניט צו מיין ליימענער כאַטע
און אויך גאָט האָט פאַרגעסן, אַז איך בין אין זיין מלכות פאַראַן...

האַהאַ, זיידע מיינער זאַנזאַני, איך טראָג צוריק דיין דימענטענעם צימבל
צום אַלטן מוזיי ביים פּערסישן שאַך:
מיין ציג פאַרשטייט ניט דעם זיסן שכל פון גראָס,
און חוץ מיין ציג און איר שאָטן,
איז קיינער אַרום מיר, קיינער ניט פאַראַן...
אוי, ווי ס'איז אומעטיק צו דיין אייניקל, קלוגער זיידע זאַנזאַני!

פאַרוואָס האָב איך באַשאַפן די וועלט?

הוץ מיר און גאָט איז קיינער ניטאָ.
די שוואַרצע ערד און דעם צעשטערנטן בלאָ
האָט אויסגעטראַכט די שרעק אין מיינע אינגעווייד.
שפּעטער האָב איך באַשאַפן בלוט־און־פלײשיקע קלייניקייטן:
אַ וואָלף, אַן עלעפאַנט, אַ קאַנאַריק און אַ פּאַווע.
דערנאָך האָב איך אויסגעטראַכט אַ ריפּ און פון איר באַשאַפן אַ חוה.
צי האָב איך אַ ברירה געהאַט, מיין גאָט?
אַזאַ פּיצל בין איך, אַן איינאונאיינציקס,
אַליין, אויף קיינעמס באַראָט...

מיין פאַרשעמטע ליבשאַפט צו דיר, מיין דאָרשט נאָך דיר, מיין הונגער
האָבן אויסגעטראַכט די וועלט... און בעת מיינע וויינענדיקע פינגער
צערטלען די ערד, דאָס וואַסער און דעם שניי,
מיינען זיי נישט „ערד״ נאָר דיך... דיך מיינען זיי...
וואָלסט בלויז איין מאָל, אין פחדימדיקער שטומקייט
געווען געענטפערט מיר מיט איין טראָף פון דיינע טראָפן,
וואָלט נישט געווען אויפגעשטאַנען מיין כליפּענדיקע אַליינקייט
אָט די אַלע שאַלעמוינעסן צו באַשאַפן...
איצטער קום נישט און פרעג פאַרוואָס איך האָב באַשאַפן די וועלט...

א פראָסטער מיטוואָך אין כעלם

רייט דער שטאָט-נאַר אויפֿן צאַפּ און שרייט:
ווי אַ פֿייל אויסן בויגן פֿלי איך.
מאַכט אַ וואָרע, קינד און קייט,

לאָכט דער קרעמער ביי זיין קלייט
און דער שניידער, מיטן נעדעלע וואָס נייט,
אפילו דער ראש הקהל איז זיך מטריח
און טוט אַ לאַכעלע... נאָר דער כעלעמער רב טוט פֿאַמעלעך געגנענען
צום ציגנבאָק: אפשר פֿאַרט? ווער קאָן גאָטס, ברוך הוא, דרכים דען
באַנעמען?
וואָרעם ממה נפשך, באו מים עד נפש, כולו חייב,
איז דאָך די מחשבה אוודאי און אוודאי מחייב,
אַז מיר לעבן ערב קץ, דערנענטערן זיך משיח בן דודס צייטן...
פֿרעגט זיך אָבער: פֿאַרוואָס קומט משיח אויף אַ ציגנבאָק
און נישט אויף קיין אייזעלע צו רייטן?
איז דער ענטפֿער: ער האָט קיין אייזעלע נישט געהאַט, האָט ער געמוזט
אַ ציגנבאָק, זיך נעמען.
וואָסי, משיח איז, חלילה, אַ גדלן? ניין, האָט ער, הייסט עס, נישט געטאָן
זיך שעמען,
זיך אויפֿגעזעצט אויף אַ ציגנבאָק... איצט בלייבט נאָך איין קשיה נישט
פֿאַרענטפֿערט:
למה, פֿאַרוואָס האָט גאָט, ברוך הוא, דאָס הייליקע שליחות צום
שטאָט-נאַר איבערגעענטפֿערט?
איז ווידער פֿאַראַן אַ תירוץ: פֿון וווּ איז געדרונגען אַז דער וואָס אויפֿן
באָק זיצט ער,
איז דער שטאָט-נאַר ר' הערצעלע און נישט קיין הייליקער ניסתר?

אזוי טראַכט דער כעלעמער רב און פּאַמעלעך שפּאַנט ער מיט
א קרעכצעלע
צום ציגנבאַק: הערצעלע, זאָגט ער — ביזט עם טאַקע דו אַליין
דער שטאָט-נאַר ר׳ הערצעלע?

יאַך מיין... שעם זיך נישט...
טו אוים זיך פון ניסתרות... זיי זיך מטריח...
שרייט דער שטאָט-נאַר: פרעגט נישט קיין שאלות, רבי, און שיקט
נאָכן שופר של משיח...
ציטערט דער כעלעמער רב און צעעפנט פּאַרכטיק די אויגן:
איבער הערצעלען, אויפן ציגנבאַק, גייט דער גרויסער רעגנבויגן.
— טאַטע פּאָטער, שרייט דער כעלעמער רב — בורא עולם!
דער רב ציטערט און, רונד ארום, אָפן מויל און אויערן, גאַפט דער עולם,
נאָר הערצעלע טוט א טרייב דעם ציגנבאַק צום דאָרן בוימעלע
מיט נעילה-באָרן;
און בעת דער צאַפּ נעמט קייען, צעלאַכט זיך הערצעלע: גאַנץ כעלם
האָב איך געטאָן אָפּנאַרן...
א יריד אויפן הימל, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...

* * *

איבערן כעלעמער רבס ספּאַדיק לעשט זיך אוים דער רעגנבויגן
און אויך די זון אויפן באַרג ווערט פּלוצעם נעלם.
ברוך דיין אמת. נפטר געוואָרן א מיטוואָכל אין כעלם.

אַ קליינע דראַמע

(הנהלען צום פינפטן געבוירנטאָג)

לעבן באַקסער־בוים שטייט אַן אייזל אין דער זון.
אויפן אייזל זיצט מיין טעכטערל און קוועלט:
— אבא, לאָמיר שפּילן זיך אין יענעם שיינעם שפּיל,
פון משיחן, וואָס ברענגט מתנות צו דער וועלט.

— וווּהינזשע וועל מיר רייטן מיידעלע, וווּהין, מיין גאָלד?
און וואָס וועל מיר ברענגען דער וועלט פאַר אַ מתנה?
— טויזנט ליאַלקעס, אבא, און אַ לצל מיט אַ טראָלד
און אַ שיינעם פויגל, וואָס פליט צו דער לבנה...

— וואָסזשע וועט טאָן די וועלט, מיט אַזויפיל שפּילעכער, מיין קרוין,
און אויף דער לבנה דער פויגל דער שיינער?...
— מען וועט זיך שפּילן, אבא, גאַנצע טעג שפּילן זיך... און שוין...
זי לאַכט און דער אייזל טוט אַ ריר זיך צווישן ביימער...

— אבא, שרייט זי, אבא, האַלט מיך צו,
כ'האָב מורא, נעם אַרונטער מיך פון אייזל...
איך פאַלג... און דער פאַרהאַנג מאַכט זיך צו
איבער אָט דער קליינער „דראַמע פון דערלייזן...״...

צום לייענער וואָס לייענט נישט קיין לידער...

שרעקסט דיך פאַרן וואַלד-געדיכט פון לידער-שפּראַך?
זע, די קוואַלן ריזלען היימיש דאָ, ווי אַמאָל אין קינדערלאַנד,
און סע פליען בלויע שוואַלבן טרינקען צום בלויען וואַסערראַנד.
(די זעלבע שוואַלבן פון אַ מאָל, פון דיין טאַטנס גוטן דאַך)

און וואָס איז דען נישט היימיש דאָ, היימיש ווי אַמאָל? יעדע זאַך,
טו אַ שמעק צו איר, און עפענען זי וועט זיך ווי אַ פרוכט
מיט זיסן זאַפט און דופט... האָסט פון אייביק זי געזוכט,
נאָר נישט געוווּסט, אַז זי וואַרט לעבן דיין אַלטן שליאַך...

דאַרפסט נאָר וועלן, דערמאַנסטו זיך צוריק די לידער-שפּראַך,
נאָר קודם מוזטו דיך צוריק אין זיך אַליין דערמאַנען...
האָסטו דען נאָר די לידער-שפּראַך פאַרגעסן?... און דעם טאַטן און די מאַמען?...
און די פּאַפּירענע שיפן, וואָס האָסט געלאָזט אַמאָל איבערן וואַסערפלאַך?...

שרעק דיך נישט פאַר וואַלד-געדיכט פון לידערשפּראַך.
אדם האָט געערדט מיט איר נ׳זיינע ערשטע בלויע מעת-לעתן,
איידער נאָך ער האָט לעבן עץ-הדעת זיין בלויען פידל פאַרגעסן...
קום לאָמיר פלאַפלען צוריק אויף אדמס ערשטער שפּראַך...

ש י י נ ק י י ט

דעם בריליאַנטענעם גוף פון געשטערן טוט קיינמאָל ניט וויי,
ער האָט ניט אויפגעריסן, מיט יסורים, די טראַכט פון קיין מוטער
דורך זיין שטערן־געביין כליפּעט ניט, דממה דקהדיקער ציטער
מיט שרעק פאַר גזר פון פאַרגיי...

ניט צו דיר אַנצייטיק־אינסופיקער
קוועלט מיין זינגענדיק שווייגן.
זע, אַ קליינער בוים, אין קאַרשן־גאַרטן,
און צווישן דערשראָקענע צווייגן —

אַ פליערל. ס'האָט די בלאָע פליגל
דערשראָקן צונויפגעפּרעסט:
מאַמע־פויגל אַוועק געפלויגן
און געלאָזט אַליין עס אין נעסט.

סאַראַ הייליקע שיינקייט אין פחד פאַר גורל!
אַזוי איינאונאיינציק, קליין און פאַרלאָזן.
און זע, צופוסנס דעם בוים — אַ קראָליק
טוליעט זיך צו פאַרפרוירענע גראָזן.

און סע איילן מיינע אויגן
און וואַך און וואַכער ווערן מיינע אויערן:
קליינע כאַטעס, דערשראָקענע שויבן,
מיט פחד־פאַרקראַטעטע טויערן.

מיט בלאַנקן לבנה־מעסער
קריכט טויט איבער שטיינערנע רערן.
אַ צוויג זוכט אַ מקום
אירע הינטלעך צו גרעבערן.

ביים שולהויף ליגט אַ נאָוועגאָדניק
זיין פּאַק אַנידער
און זיינע רמ״ח מידע גלידער
וויינען צו גאָט.
האָרך, האָרך,
סאָראַ פּראַכט אין געוויין
פון אָרעם פליש און געביין,
ביי מענטש און פויגל, ביי צמחים און צוייגן!
ניין, ניט צום ברילִיאַנטענעם גוף פון געשטערן,
נייערט צו די מילימיליאָסן פּיצלעך אויגן,
פון כל המינים באַשעפענישן, פאַרנאָוועגאָדעוועטע,
אין מוראַדיקער, טרויעריקער אַליינקייט,
וויל זינגען מיין הארץ דאָס געזאַנג
פון אייביקער שיינקייט.

אַ חלום

געקומען איז קלעאָפּאַטרע, מיר צו חלום, היינט חצות.
(איך ווייס נישט, ווי אַזוי צו טייטשן עס פּרווידיסטיש)
זי האָט געטוליעט, אין די אָרעמס, אַ גילדן יינגעלע און געקושט עס.
אַ הירש איז געשלאָפן, איר צופיסנס, אינעם גראָז.

די וויינגערטנער, רונדאַרום, האָבן געצייטיקט טונקל־ראָז,
און אויפן ווייסן עפּלבוים האָט אַ סאָלאָווי געזונגען.
פּלוצים האָט גענומען שנייען, שליטנס טרויריקע צו קלינגען.
ס'האָט געשמעקט מיט מאַנדל־צווייט אי מיט ווייַן פון פּראָסט.

און אין מיטן איז געלאָפן מיין באָבע שיינע רחל, צום בית־הקברות,
אויפן בערגל, אין קליינעם שטעטעלע קאפרעסט.
קלעאָפּאַטרא האָט דאָס גילדענע יינגעלע צו אירע בריסטן צוגעפּרעסט
און געלאַכט, כאָטש אָרום, האָבן געיאָמערט שווארצע סאָווען...

— — מאַמע, האָב איך געשטאַמלט, ווער טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס?
וואָס מיינט דער שפּילער מיט זיין שפּיל?
וואָס מיינט קלעאָפּאַטרא ביים אַלטן ניל,
מיט מיין באָבע, אויפן קאפרעסטער בית־הקברות?

איך האָב געכליפּעט, מיט איין האַלב געזיכט פּאַרטוליעט
צו קלעאָפּאַטראַס בריסט, ווו ס'האָט דאָס גילדענע יינגעלע זיך געטוליעט.
און מיטן צווייטן האַלב־פּנים צו דער באָבעס שווארצער שאַל,
וואָס איז געפלויגן איבער קברים, אין ווייסן שניי־געפאַל.

און איך בין געווען אליין, ווי אן אויסטערלישער בוים,
אויף אן איינזאם, פרעמדן צווינטער:
— האלב אין זומער־צווייט און האלב — אין ווייס פארשנייטן ווינטער...
נאר די וואָרצלען די זעלביקע, האבן געזויגן דעם אלץאיינעם ווילדן
־זיסן סאק,
וואס ס'האט אין א ליימענעם בעכער, מיר צוגעטראגן, גאט.

מחשבות אין א לבנה־נאַכט

גאָט, מיין גאָט, ווי סקוטשנע עס דאַרף זיין דיין יהושע בן נון,
דעם גרויסן שלאַכטמאַן, דעם דעראָבערער פון שטעט און קרוינען
אייביק אין קאַלטן טויטן לבנה־לאַנד צו וווינען...
איז דאָס דער סוף פון אַלטן גרויסן רום?

איך קוק זיך איין אין זיין געזיכט, אויסגראַווירט
אין לבנהס בלויע בערג פון אייז:
אייביק, אייביק דרייט ער זיך אין קרייז,
ער באַפעלט נישט מער און נישט ער פירט
די חיילות צו דער שלאַכט, די שבטים צונעם זיג, —
יעדן חודש גייט ער אויף און פאַרגייט צוריק...
אַ, ווי טרויעריק זיין געזיכט, גליווערדיק, סע פרירט.

און אפשר איז עס די קלוגע שטילקייט נאָך דער גרויסער שלאַכט,
און דער גרויסער פירער האָט וועגן הבל הבלים זיך דערטראַכט,
און טראַכטענדיק איז איינגעפרוירן זיין געזיכט,
אין לבנהס בלויען קאַלטן ליכט?

טרער־מיסטעריע

סאַראַ וווּנדערלעכער אַלכעמיקער־מייסטער:
פֿאַר אַ רגע געווען איך בין אַ וואָלקן אַן אָנגעפּוישטער
מיט וויי און ווינט. אַצינד האָב איך אויסגערעגנט, אוי באַשעפֿער,

אַ דאַנק פֿאַרן נס פֿון טרער! די נאַכט איז איצט דער בלויער בעכער
און דערינען — דאָס טרערן־געזאַנג, סאַראַ תּפֿילה־געכליפּ!
די טרער געגליכן איז צו חוהן, אויסגעשניטן פֿון אדמס ריפּ:
מיין טרייסטערין איך האָב אַליין פֿון זיך געבאָרן!

זי איז מיין טרייסט און תּפֿילה־פּאָר געוואָרן:
איך, וואָס פֿאַר אַ רגע געווען בין אַ פֿינסטערער וואָלקן,
האָב זיך אַליין ווי אַן אַטאָם, אין אורעלעמענט פֿון טרער, געשפּאָלטן!

זאָג נאָר ברודער פיזיקער־פּאָעט —
איז דאָ דער וווּנדער דען מינדער
וויביים אַטאָמישן־ראַקעט?

דער וואַלד

און געווען איז עס אַמאָל, צווישן קאָסעוו און קיטעף, אויף באַרגיקע שטאָפּלען,
האָט ישראלקע ליים-פירער צעעפנט זיינע ליכטיקע אָפּלען
און דערזען אַ וואַלד. ניין, ניט קיין וואַלד. אַ פאַרטייעטער זמר,
און ווי ניגון, וואָס ניגונט אַריין זיך אין ניגון, שווימען דיביימער.
ס'איז וואַלד און מערער ווי וואַלד, רמזדיק-וואַלדיק-בליאיק.
ס'איז קאָסעוו און ניט-קאָסעוו, ס'איז הי און ניט-היאיק.
האָט ישראלקע אויסגעשטרעקט די הענט: וואַלד, האָט ער געזאָגט — מיין וואַלד,
ווער ביזטו און ווער באַהאַלט זיך הינטער דיין געשטאַלט?
האָבן זיך צעקוואָלן די ביימער: מיר זענען דאָ און נאָך-ניט-דאָ, פאַרבאַרגן
קלויבן מיר די ריחות און זאַפטן, וואָס וועלן צעוואַלדיקן מאָרגן...
— איך וויל זען דעם מאָרגן, האָט דער בעל שם געזאָגט. און דער וואַלד האָט זיך גענומען וויגן:
— זע, האָט דער וואַלד געזאָגט — אַלע צייטן ליגן ווי קינדער אין די וויגן,
קינד נעבן קינד, ניטאָ קיין „פריער", קיין שפּעטער",
קנאָספּ וויקלט זיך אַריין אין בלאַט, זיווג פון בלי און פון בלעטער.
טראַף-טראַף, אות-אות און ווערטער,
אַלע דאָען און דאָרטנס אויף די זעלביקע ערטער,
קאָסעוו און קיטעף, צפת און ירושלים,
בלאָע ניגונים פון גאָטס אייביקן רעיון...

— —

שוין דעמאָלט, צווישן קאָסעוו און קיטעף, האָט דער בעל-שם דערזען דעם זאָמען
פון וואַלד, וואָס מען וועט פלאַנצן, הינטער ירושלים, אויף זיין הייליקן נאָמען.

שפּילעוודיקער ערנסט...

א

הוי. וואָרט, מיין היים־און־פאָטערלאַנד, וואָרט!
איך האָב באַשאַפן דיך מיט מיינע קעניגלעכע פינגער,
דיין האַר און מלך בין איך און דאַך,
ווי אַ קנעכט איינגעשפּאַנט אין יאָך,
קני איך פאַר דיר: האַר מיינער, באַצווינגער!

סאַראַ שפּיל פון פּאַטום: איך דער באַשאַפער דיינער
פאַל כורעים מיט תפילה צו דיין נאָמען
אַלע טייכן זענען מיין, נאָר פון דאָרשט גייט אויס מיין גומען!
אַלע פעלדער מיין אַרב, נאָר מיינע אינגעווייד הונגעריקע ברומען,
צי דערקענט איר ניט דעם האַר און באַשאַפער אייערן,
איר ווידערשפּעניקע?

ב

ווידערשפּעניק, ווידערשפּעניק!
כ'האָט דיך האַלד דיין קעניג,
אַפילו אין דיין ווידערשפּעניקייט
האָט ער האַלד אַזוי דיך ווערטער־פאָלק!

הוי, דו דזשונגל, ווערטער־דזשונגל,
ס'איז דיין מלך היינט אַ טאַרזאַן־יינגל.
אויף זיין האָרן רופט ער, שאַלט:
ווערטער, ווערטער־ווערטער־חיות,
שפּרינגט אַרויס פון וואַלד!

פון די היילן,
פון די נעסטן,
לייבן, בערן, אָדלערס
לויערן צום פּאַרמעסטן.

לאַכט דער מלך טאַרזאַן:
הוי, שפּיל און ערנסט פון באַשאַף!
פון אַ טיגער ווערט אַ טראַף,
פון פיר בערן ווערן ווערטער.
אַלע חיות ליגן שטיל ווי גראַמען
אויף די ערטער...
און פון תוהו ובוהודיקז
טימל-ווימל,
שטערנט טאַרזאַן
אויס אַ שפּאָגל-נייעם הימל.
הוי, מיט וויפל זאַפט און קראַפט,
אין פייער-וואַלקן איינגעשלאָסן,
רייט טאַרזאַן דורך דער נאַכט,
טאַרזאַן האַר און קנעכט פון לשון.

אין שליטן

קינדווייז נאָך, האָט כביכול אַנטפּלעקט צו מיר, מיט לייטזעליקייט,
די דרכים
צום הארץ פון ליים און שטיין, צו דער זעל פון וואסערן און צמחים.
איך האָב מיט אַ מאָל אין גרינעם געזיכט פון אַ דעמבענעם בוים,
דערזען שטראַלן די קלוגע אויגן פון אַ תלמיד־חכם.
אַ באַרדיקער באַרג איבער נאַכטישן תהום
האָט געהויערט ווי אונדזער הויף־פּרוש לייבע־נחום,
שפּעטער האָבן זיך אַלע דוממים און צמחים אויסגעמישט מיט אונדזער
בני־בית,
געוואָרן איינס מיט טאַטע־מאַמע, ברידערשוועסטער. איך האָב דערפילט
זייער לייב־און־לעבן, זייער חיות.
האָב איך אָנגעהויבן פאַרבייטן די תהילים־זאָגערס אין פאַרטייעטער
קלויז, חצות,
מיטן טונקעלן ווינט וואָס דאַוונט אַ גאַנצע נאַכט אין טיפן גראָז.
און פאַרקערט: מיין מאַמע האָט געכאַפּט דעם אָנבליק, ביי מיר, פון
פערשקעבוים, אונטער דער קלויז.
איר גרין אַטלאַסקלייד האָט געפלאַטערט אין לבנה־ליכט ווי דער ווינט
אין די צווייגן
און אירע ברוינע שמעקענדיקע אויגן,
האָבן געבליט ווי די פערעשקעס סאַמעטן טרויעריק און גרוים.

ב

צו דרייצן יאָר האָב איך אָנגעפאַנגען לערנען דעם זוהר.
די רויטע מאַנבלומען אונטער אונדזער אַלט־הויפישן מויער,
זענען מגולגל געוואָרן אין מקובלים מיט קופערנע בערד.
אין אַ ראָד, אין דער הייליקער שטאָט צפת, זענען זיי געזעסן פאַרטייעטע

און איך האָב זייערע קלוגע רייד געהערט.
מיט אַ מאָל האָבן זיך די רויזנקוסטעס, אין פֿאַרנאַכטגאָלד,
גענומען וויגן איבער גראָזיקע טרעפּ.
איך האָב די אויגן פֿאַרמאַכט און דערזען:
דעם פֿאָטערס טעכטער מיט די פֿלאַקסענע צעפּ,
לויפֿן נאַקעטע פֿון צווישן טייך־געפֿלאַנץ און זייערע לענדן הפקרע
שטראַלן.
און מיין חלום, ווי אַ שטערן אין טייך, איז אין זייער נאַקעטקייט
אַריינגעפֿאַלן.
דעמאָלט האָט מיין האַרץ אויפֿגעציטערט פֿאַר גאָט,
וואָס האָט געשוועבט איבער די בלויע וואַסערן פֿון ווינט:
— זיי מוחל, האַר, ווי אַזוי האָט געקענט מיין חלום
צונויפֿפּאָרן אין איין הויזגעזינד,
די הייליקע מקובלים און דעם פֿאָטערס נאַקעטע טעכטער?
איך האָב זיך געטוליעט צום וויינשלבוים און געכליפּעט אין דער שטיל
און כליפּענדיק דערזען: פֿון אונטער גרינעם באַרג,
רירט זיך די שוואַרצע ווינטישע מיל.
די ווינטמיל שפּאַנט אַנטקעגן מיר אויף מענטשישע פֿיס,
אַ ווייסע באָרד פֿלאַטערט ווי אַ מעווע...
ניין, ס׳איז ניט די שוואַרצע ווינטמיל,
נייערט מיין עלטער־פֿעטער, רבי בער פֿון ליעווע...

— יאַנקעניו, זאָגט ער — פֿאַרכט זיך ניט מיין קינד,
וואָרהאַפֿטיק, דעם פֿאָטערס טעכטער און מקובלים,
זענען טאַקע קינדער פֿון איין הויזגעזינד.
וואָרעם איין הויזגעזינד בלויז פֿאַרמאָגט דער בורא־עולם!
אַזוי זאָגט דער ליעווער פֿעטער צו מיר, שמייכלט סודותדיק שטיל
און שפּאַנט צוריק צום גרינעם באַרג און ווערט ווידער אַ ווינטישע מיל.

ג

דער פּאָרטרעט פֿון ליעווער עלטער־פֿעטער, האָט מיין באָבע,
פֿון משפּחה־אַלבאָם,

מיט ציטערדיקע הענט ארויסגענומען.
(געלעגן איז ער דארט פארשעמט צווישן פארדארטע שמעטערלינגען
און פארטריקנטע בלומען).
און דערלאנגט אים צו די דארע, ציטערדיקע הענט פון חיימל גבאי.
דער זקן האט פארצויגן דאס שיטער־באָרדיקע פנימל
ווי ער וואלט דערפילט א נאסע זשאבע.
מ'האט שוין דעמאלט געוווסט, אז מיין עלטער־פעטער,
האט אין ווין דער קרוינשטאט, זיך געטראפן מיט א פילאסאף
און זיך געאמפערט מיט אים וועגן גאט און דרך הטבע,
וועגן „קאסמאס", „אוניווערס", „מיכשטראַז" און אטמאספערע".
פון ווין האט זיך דער רבי בער נים צוריקגעקערט קיין ליעווע,
נאר פארפארן מיט זיין קארעטע צו זיין עלטערן ברודער,
רבי אברהם יאנקעניו פון סאדעגערע.
געוועזן ערב ג' חשוון, דעם ריזשינערס הילולא. פון אלע תפוצות ישראל,
האבן צענדליקער טויזנטער זיך געצויגן צום צדיקס אוהל, וואס אין גרינעם
סאדעגערער טאל

אין דער אלטער ספרים־שטוב, אויף סאמעטענע פאטערשטולן,
אין הייליקער שטילעניש איינגעפרעסטער
זענען זיי געזעסן, דעם ריזשינערס זין:
דער סאדעגערער, דער טשארטקאווער, דער אויסאטענער
און שטעפענעסטער.
און בעת דער ברודער זייערער דער ליעווער, האט זיך באוויזן אויף דער
שוועל,

איז א פארכטיקער ציטער אדורך דעם חדר,
ווארעם די ברידער האבן דערזען, אז די שין אויף בערעניום שטערן,
איז צעאקערט מיט פעך־שווארצע רעדער:
דער סיטרא־אחראס מטורפדיקע קארעטע מיט די ווילדע חקרנדיקע פערד,
האבן דורכגעיאגט דורכן ליעווערס רעיונדיקע שליאכן...
און די ברידער האבן פארשטעלט די אויערן
ווארעם זיי האבן דערהערט דאס הפקרדיקע לאכן
פון ס"ם און דאס פאכען פון זיין כיכענדיק בייטשל.
די צדיקים האבן שוין געוווסט, אז דער ניט־גוטער

האָט זיך פאַרשטעלט פאַר ווינער פילאָסאָף, אַ דייטשל.
און בעת דער ליעווער האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט
אָפּצוגעבן שלום זיינע ברידער,
האָט זיך אַ בראָך געטאָן די שטילעניש, ווי עס וואָלטן זיך קרישען
די עצמות יבשות, געהיימע פאַרטריקנטע גלידער.
און דער סאַדעגערער האָט אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
ווהין האָסטו פאַרפירט דעם הייליקן טאַטנס קאַרעטע,
דעם הייליקן ריזשינערס וואָגן?
ווהין האָסטו פאַרבלאָנדזשעט, ברודער?
און בעת די צדיקים האָבן זיפּצנדיק די קעפּ אַראָפּגעלאָזט,
האָט זיך דער ליעווער אויסגעגלייכט און פאַרטייעט.
ווי אַ קוואַל אונטער זילבערנעם פראָסט,
האָבן געריזלט די רייד פון די לעפּצן זיינע:
— ברידער מיינע, האָט ער געזאָגט, ברידער מיינע,
ווי אַזוי האָב איך געקענט פאַרבלאָנדזשען, איז דען פאַראַן
אַן ערגעץ־אַנדערש ווי גאָט־ברוך־הוא און די עולמות זיינע?
פון וווּ זאָלסט ניט גיין און ווהין זאָלסט ניט קומען,
איז עס דאָך סיי־ווי־סיי,
אַ גיין פון כביכול צו כביכול...
נאָר וואָס?... אַ מאָל זעט אויס דאָס גיין אַ קאַפּל ניי...
נו... איז דאָך אבינו אברהם אויך אַראָפּ אַ קאַפּל פון פאָטער תרחס דרך...
און אַזוי אויך אַ לעקעלע דער הייליקער חכם שפּינאָזאַ... יאָ, אַזוי לערך
גייט מען פון וועג אַראָפּ... איז וואָס זשע, ברידער טייערע, דער פּחד,
אויב עמעץ איז זיך אויף אַן אַנדער אופן,
מיט אייביקן גאָט מתיחד?...

ד

בין השמשות אַ מאָל, אין פּאַליש פון אונדזער קלויז,
דערהערט שעפּטשען איך האָב יואליקל חקרן צום אַלטן פרוש לייבוש־
נחום,
וואָס פלעגט טראָגן וואַסער צו אונדז אין הויז.
לייבע פרוש האָט פאַרשטעלט די האָריקע אויערן,
מיט די פאַרוואַקסענע לאַפּעס:
— לאָז שוין, משוגענער חקרן, אַ בראָך צו דיר!

איך בין געשטאַנען באַהאַלטן אונטער דער טונקעלער פּאַלישטיר
און געטרונקען יואליקס מעשה.
— פאַרשטייסט, האָט ער געכיכעט —
דער ליעווער האָט אין איין שליטן
אַריינגעבעט דעם בעל־שם און דעם אַמסטערדאַמער פילאָסאָף
און אַריינגעפּעקלט זיך אַליין אין סאַמע מיטן.
און זיי זענען אַוועק איבערן אין־סוף מיט געאָמעטרישע זמירות,
מזווג־זיין די הייליקע ספירות.
פאַרשטייסט דעם ענין, רויטער לייבע?

ער כיכעט יואלק און עס טרעסעט זיך זיין לאַנגער, דאַרער שאָטן.
איך שלייך זיך פון דער פּאַלישטיר, שפּאַן אַריין אין אונדזער נאַכטישן גאָרטן.

אויף די אויפּסביימער שלאָפן פייגל
אין שכנות מיט צייטיקע פירות.
דאָס שטערנליכט מיניעט זיך אין זייערע פּוכיקע פליגל,
ווי עס וואָלט דער שׂר פון תפארת,
מיט זיין פּענדזל, איבער די סעדער געגאַן,
כביכולם וועלט פון ס'ניי איבערצומאָלן.
שטיל אויף דימענטענע פיס פון ראָסע שפּאַנט
דער שׂר איבער שלאָפנדיקע בערג און טאָלן
און איבער קעפּ פון געבערג. מיט אַ מאָל,
איז אויף אַ ווייס וואָלקנפערד אַרויסגעריטן
אַ רויטע לבנה און אונטער איר — האָט געשליטלט
זיך דער גרויסער שטערן־שליטן.
און דעריגען: דער בעל־שם, דער אַמסטערדאַמער און ליעווער
און אין זייערע הענט — פידלען מיט מענטשישע צורות.
זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער נסיעה,
מזווג־זיין די הייליקע ספירות.
מיין האַרץ כליפּעט פאַר תענוג בעת דער בעל־שם
האָט אַ שעפּש געטאָן פליושיק אין מיין אויער:
— דערלאַנג, יאַנקעניו, דעם חסד שבתפארת,

זע, אין רויזנקוסט בליצט אַ דימענטענער פלויער,
הייב אים אויף און העלף אונדז אויסשפּילן,
דעם ספּירותדיקן מזמר,
קום זעץ זיך אין שליטן צווישן אונדז,
מיר זענען קלעזמער,
דעם ניגון פון דער וועלט שפּילן מיר.

אַזוי האָט גערעדט דער בעל-שם צו מיר,
און איך צווישן בוימישע צוויטן,
האָב זיך אַ הייב געטאָן אויף וואָלקנפּים,
אַ שפּאַן געטאָן אַרויף צום בעל-שם-טובס שליטן.
נאָר אין דער זעלביקער רגע האָט אַ קול,
ווי מיט הענט אַ צי געטאָן צוריק די נאַכטישע לאַנען:
מיין מוטער איז אַ דערשראָקענע אין ווייסן שאַל,
צווישן די צעבלעטערטע ביימער געשטאַנען:
— יאַנקעניו, האָט איר קול געציטערט,
קינד מיינס, נאָך צוועלף, חצות...
אַ גאַנצן אָוונט זוכט מען דיך...
וואָס טוסטו אין מיטן נאַכט, אין נאַסן גראָז?

און בעת מיין מוטער רעדט,
שלייכן זיך צווישן ביימער,
מיט לאַמטערנעס אין די הענט,
די מקורבים פון הויף אַרויס
און אין טאַנצנדיקן ליכטגעבלענד,
האָבן זיך ביימער גענומען רירן,
ווי למד-וואָווניקעס פרום פּאַרטייעט.
מיט אַ מאָל האָב איך מיין פאָטער דערזען — ער לאַכט:
— וואָס איז, ס'האָט דער טאָג דיר ניט געסטייעט?
איך האָב דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, געשוויגן,
צוגעטוליעט צום אַקאַציע-בוים צעשטערנטן מיט בלויע צוויטן
און געהערט ווי איבערן וואָלקנשניי,
שליטלט זיך דעם בעל-שם-טובס דימענטענער שליטן.

אַ קליין ליד

צווישן חלום און טרוים בלויט אַ קאַרשן־בוים,
פאַרוויאַנעט, פאַרשעמט און פאַרגעסן.
דער זקן, וואָס זיצט אין שאָטן פון בוים,
האָט יינגלווייז, זיינע פירות געגעסן.
— אײ, געוואַלד, זינגט דער זקן — אײ די די,
און דערלאַנגט צו בוים און פויגל שלום:
בוימער דאַרבן, פייגל שטאַרבן, נאָר בלי און פלי
טוט גאָט, ברוך הוא, באַהאַלטן אין חלום...

אײ געוואַלד גרויסער גאָט, ליו־ליו,
האָסט צוגענומען בוימער, פייגל און מיינע יינגע גלידער,
נאָר באַצאָלט האָסטו, גרויסער בעל־חשבון דו,
פאַר פלייש און בלאַט און גראָז מיט גינגאָלד פון לידער...

נעמזשע איצט פענדזל און פאַרב און טרוים
און קום מאָלן מיינע טעג און נעכט און יאָרן.
צווישן חלום און טרוים האָט געבלויט אַ קאַרשנבוים,
ביזקל אַליין איז ער חלום געוואָרן...

שטיל ווי אין אַ פֿאַרשלאָסענער קאַרש

שטיל ווי אין אַ פֿאַרשלאָסענער קאַרש.
זאַפֿטן און ריחות אָטעמען פֿאַרטייעט.
לערן, לערן דיך מיין האַרץ
פֿון שווייגן אויסצושווייגן פֿייעט...

לערן צניעות פֿון סעדער, חצות,
צייטיק-צייטיקן און שווייגן;
אַפֿילו די פֿרי וואָס פֿאַלט פֿון די צווייגן,
פֿאַרהילט איר רויש אין סאַמעט פֿון גראָז.

היל ניט אָפּ דאָס פּנים פֿון וואָרט,
לאָז נעכטיקן די נאַכט אויף לעצטן שטאַפּל פֿון לייטער
וואָלקנס זענען גאָטס ווייסע פֿערד,
נאָר קיינער זעט ניט דאָס געזיכט פֿון רייטער...

דאָס געשטערן שטראַלט אויף יעדע נאַכט אין בחינה פֿון געזאַנג,
נאָר צניעות לאָזט זיי ניט זינגען.
נאַכטס ליפּן פֿאַריגלט זענען מיט גילדענע רינגען:
זיי היטן די כלהשאַפֿט פֿון לעצטן קלאַנג.

המזדיקער צימצום עניוותדיק פֿאַרקלײַנט.
אינסופֿיקע שירה קוועלט אין איינאיינציקער קאַרש.
אַלע הימלען פֿול מיט רחמימדיקן האַרץ,
נאָר קיינער הערט ניט ווי כביכול וויינט...

רבי אברהם מלאכס חתונה

א

ראַטעס געפּאַנצערטע טשערקעסן
מיט צעפּאַטלטע קופּערנע בערד
רייטן דורך מעזריטש... אייז-ליכט צעשמעלצן
צווישן גריוועס פון צעהירזשעטע פערד.

אויף שימלישע רוקנס, אין לבנהשן שניי,
הויבן טשערקעסן אָן טאַנצן אַ הוירע,
און טאַנצנדיק זינגען: „אידן, דאַוויי,
שטייט אויף לעבודת הבוראַ"...
און אַנטקעגן זיי,
פון גרויסן מגידס דעמבענע שאַלאַש,
שפּרינגען טוטערן
מיט צעפלאַקערטע סטורקאַטשן.
„הודו לה'" זינגען די טוטערן,
און אין טענדע ווערענדעס מיט פידלען און צימבלען,
האָפּסלען מאַרשאַלעקעס אַנטקעגן נאַקעטע הימלען.

שטייט מעזריטש, קינד און קייט,
אָפן מויל און אויערן
און זעט: צוועלף שליטנס שווימען
דורכן מגידס אָפענע טויערן.
שפּאַנט פון ערשטן שליטן אַרויס דער גרויסער מגיד
און נאָך אים, פּאַמעלעך,
רבי שניאור זלמן פון לאַדי,
מיטן פידל פון דוד המלך.
און ביידע צדיקים פירן אַ ליכט-סנאָפּ,

אין דער מראה פון אַ בן־אָדם,
און עס דוכט: דער ליכט־מענטש שפּרייזט
איבער אַ דינעם שטראַליקן פֿאָדעם,
וואָס הוידעט זיך צווישן מזלות
און דאָס ליכט איז אין אַ צווייטער ליכטיקייט פֿאַרשלאָסן.

— מאַכט אַ וואָרע! מאַכט אַ וואָרע! — שאַלן די טויטערן —
מאַכט אַ וואָרע פֿאַרן מגידס בן־יחיד, דעם הייליקן חתן!

ב

הצות. הייליק שטערן־כּתב ציטערט רמזימדיק־געהיים.
דער מגיד שפּרייזט, דורכן גאָרטן, מיט זיין בן־יחיד, דעם חתן.
אָוונטליכט האָט די עולמות מיט בלויען מים־חיים פֿאַרגאָסן,
נאָר שוואַרצע שיפֿן זעגלען דורך דער בלויעניש מיט געוויין.

דעם חתנס אַפּלען, ווי דערשראָקענע לבנות צווישן ברעמען־וואָלקן, גלימען
זיי זייען: דורך בלויעניש, אין די שוואַרצע שיפֿן, זעגלען די נפֿילים,
יענע הימלישע זין, וואָס האָבן צו ערד אַמאָל געניידערט פֿון אינסופֿן
און מיט מענטשן־טעכטער, פֿון פֿלייש און בלוט, צוזאַמען זיך באַהאַפֿטן.
די נפֿילים, וואָס זעגלען, מיט שוואַרצע שיפֿן, דורך סעדער פֿאַרשנייטע,
זענען קודם, בעתן אַריינשוועבן, הימל־געוועב מיט שטערן פֿאַרזייטע,
נאָר ביים נידערן צו ערד, ווערן זיי מיט ווילדפֿליישן האָריקע פֿאַרצויגן:
איצט הויערן שוואַרץ־פּיסיקע חיות מיט רויטע לייזמענע אויגן...
— הערסטו, טאַטישע, הערסטו דאָס געכליפּ פֿון פֿלייש און געביין?...
פּחדים!
טאַטעשי, ס'איז מיר ענג אין פֿינסטערן גוף פֿון בן־אָדם...
אַזוי כליפּעט דער בן־יחיד און דער גרויסער מגיד גלעט אים מיט רחמים:
— זון מיינער, אברהמעניו, גלויב מיר, גוף האָט אויך זיין שליחות.
צי ביזטו דען, קינד מיינס, פֿון אַברהם אבינו אַ גרעסערער מיוחס?
אויך אברהם האָט שלום געמאַכט מיט גוף, אויך יצחק און יעקב,
משה רבינו און דוד המלך... ס'איז כּביכול באַהאַלטענער מיין,

צו פלעכטן פון פלייש און ביין אַ לייטער און דורך חומרדיקע שטאַפּלען,
לאָזן די דורות פון ישראל צו זייער תכלית גיין...
דער גרויסער מגיד רעדט, און אברהמעניו, זיין בן־יחיד, דער חתן
ציטערט אין אַ לאַגל פון ליכט איינגעשלאָסן:
— טאַטעשי — שעפּטשעט ער — זיי מיר מוחל, איך קען נישט.. מיין זעל
ציטערט פאַר פּחד און בושה...

איך קען נישט, טאַטעשי, איך קען נישט גענענען צו דער אשה...
איך פאַרכט זיך פאַר פלייש... דאָס ליכט אין מיר פאַרכט זיך צו פלייש
צו גענענען...
ס'איז דער אויבערשטער מיין עדות, אַז אפילו דאָס שפּייזן־זיך,
יעדער ביסן־ברויט, יעדער שלוק־וואַסער, וואָס איך דאַרף נעמען צו זיך,
איז חיבוט־הקבר... אַלץ אין מיר ציטערט, נעמט כליפּען און וויינען.

אַמאָל זיץ איך און ווינקל פון קלויז און מיר דוכט: אַ שטראַלן־רעגן
בין איך,
איך רעגן אין בלויעניש, אַזאַ שטראַלנדיקע אָן־גופישע־שטילעניש,
אַפילו דאָס געשטיין אונטער מיר, ווערט כוואַליענדיקע רוחניות...
די שכינה טוט זיך אוים פון איר פאַרהוילעניש,
און מיין נשמה פלאַטערט נאַקעט פאַר גאָט... אָט... אָט...

און פלוצעם נעמט רופן דער שמש: „אברהמעניו, דאָס אָנבייסן וואַרט
אויפן טיש..."
און איך... איך וויל דאָך מקיים־זיין כיבוד אב ואם, נעם איך אַ שטיקל
פלייש, אַ שטיקל פיש,
נאָר גאָט איז מיין עדות, דער צער איז אין לשער...
און איצט... איצט, טאַטעשי, אַזאַ פּחדימדיקע בושה...
גאָט איז מיין עדות... איך קען נישט... קען נישט גענענען צו דער אשה...
אַזוי רעדט דער בן־יחיד און וויינט,
ביים האַרצן פון גרויסן מגיד אָנגעלייענט...

ג.

די זילבערנע קאַנאַריקעס אויפן בראָנדזענעם וואַנטזייגער,
טוען שפּרינגען און זינגען

און פֿאָכענדיק מיט פֿליגלען נעמען זיי צעקלינגען,
אין ספֿרים-שטוב, די דריטע שעה פֿון מוטער-נאַכט.
דאָס שטערן-כּתב ווערט נענטער צו בלויע שויבן.
מילד האָט דער גרויסער מגיד צו זיין בניחיד זיך אָראָפּגעבויגן
און שטיל, ווי ער וואָלט אַ ברכה-געמאַכט, אַזוי געזאָגט:
— גאָט ברוך הוא, ווערט באַלד אַרויסציען, פֿון פֿוטערפֿאַס, אַ נייעם טאָג
און דו, מיין זון, ווידערשפּעניקסטע... זינט אָדם הראשון ביזטו דער ערשטער,
וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם וועלטס אייביקן גאַנג...
האָרך, מיין זון, פֿון אַלע בערג און טאָלן, פֿון אַלע בוימער און גראָזן,
גייט אויף דאָס קוואַליקע געזאַנג,
פֿון כּל המיני באַשעפֿענישן, וואָס איילן מיט שמחה
צו דערפֿילן די מצווה פֿון פּריה ורביה, ס'איז דעם אויבערשטנס רצון...
און דו, האָסט זיך אין אַ ליכט-לאַגל איינגעשלאָסן?
איך בין גוזר אויף דיר: גיי, מיין קינד!

ד

לבֿנה-ליכט צעגאָרנט בוימער און בלעטער
אויף די ווענט פֿון שלאָף-שטוב... שטראַליקער געקלעטער
פֿון אַלערליי באַשעפֿענישן, וואָס האָבן אי יאָ אי נישט קיין נאָמען...
ער האָט געפֿאָלגט, דער שטראַלן-מענטש און צו דער כּלהס בעט געקומען...
איצט שטייט ער איבער איר... ווייסע בערגער שניי
און צווישן זיי — אויגן צוויי...
ער פֿאָלגט דער שטראַלן-מענטש און גאַפֿט אַריין אין זיי,
אַ רגע גאַפֿט ער, ער גאַפֿט און פֿאַרגעסט, אַז ער גאַפֿט...
אים דוכט זיך: צוויי באַרג-וואַסערן קוועלן מיטן נאַכט.

— בויג דיך, רופֿט אַ קול, בויג דיך טיפֿער אַריין אין ברונעם!
און מיט אַמאָל, אין קוואַליקע טיף, דערזעט ער אַ פּנים,
קודם אַ פּנים און שפּעטער — אַ געשטאַלט,
שטייגט פֿון קוואַל אויף אַ לייטער, אין אָוונט-ליכט צעשטראַלט,
אַ געשטאַלט און אַ צווייטע, אויף יעדן שטאַפּל אַ געשטאַלט,

און אַלע געשטאַלטן, איינער ביי דער צווייטער, האַלט זיך ביי דער
ליכטיקער האַנט,
מיט איין האַנט האַלטן זיי זיך, און מיט דער צווייטער טראָגן זיי
ברענענדיקע תורות.
קוועלט דער באַרג־קוואַל: זעסט, אברהמעניו, איבער דער לייטער,
אין מיר, שטייגן די דורות,
די דורות פון ישראל... זיי שטייגן, נאָר דו איינער, דו אברם בן דוב,
האַלסט, דורך דיין גאווה, אונדזער שטייגעניש אָפּ צום אינסוף...
אברהם בן דוב, זע און באַנעם: אונדזער פלייש און בלוט איז גאָטס
ברונעם,
קלעטער דורך פלייש, וואָס איז פלייש נאָר לויטן נאָמען...
נישט פאַראַן קיין גוף, אַלץ איז ליכט אין כביכולס אייביקן רעגנבויגן.
האָט דער שטראַלן־מענטש אויפגעציטערט און זיך כליפּענדיק געבויגן
איבערן ווייסן שניי פון זיין כלה... און זיינע ליפּן האָבן אַנגערירט אירע
אויגן
און דערנאָך אירע ליפּן און דערנאָך דעם גאַנצן שטראַלנדיקן שניי...
און ער האָט דערפילט: זי איז אַ גאָרטן מיט הייליקע פּירות,
האָט ער טועם־געווען פון זיי
און געמאַכט אַ ברכה מיט לויבונג צום באַשעפער פון פראַכט.

און ס׳איז געווען בעת גאָט ברוך הוא האָט אַהיימגענומען די שטערן
צום סוף פון דער נאַכט
און אַרויסגעפירט דאָס טאָגליכט פון פוטערפאַס,
האָט זיך דער גרויסער מגיד באַגעגנט מיט זיין בן־יחיד אין גרויסן שאַלאַש,
און ס׳האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן זיין זון: „קינד מיינס,
ווּ וווינט גאָט?״...
האָט זיך אברהמעניו צעשטאַמלט: געמיינט... געמיינט, אַז נאָר אין
הימל...
שפּעטער, געלויבט צו אים, האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר דער סוד:
מלא כל הארץ כבודו... און אברהמעניו האָט זיך פאַר שמחה צעוויינט
און זיין שטראַלן־קאָפּ אין גרויסן מגידס האַרצן אַנגעלענט.

גאַגאַרין און פּלאַטאָן

גאַגאַרין פליט מיטן קאָסמישן ראַקעט,
און פלאַטאָן, אפילו מיט אַ וועספּע, נישט געקאָנט האָט שאַפירן!
גאַגאַרין קען אויף אויסנווייניק שטיקער קאַרל מאַרקס ציטירן,
ער ווייסט וועגן „פּיאַטילעטקע" און „סאָצגעוועט".

אַהאַ, וואָס עס ווייסט אַלץ גאַגאַרין! ער האָט געזען דאָס גרין־בלוי־פּורפּור־וויאָלעט
פון „קאָסמאָס"! און פלאַטאָן האָט אפילו קיין „קרישקע אוניווערז" נישט געזען,
נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן, געהערט דעם בלוט־רויש פון אינסוף, דורך זיינע אָדערן גיין
און געפילט, איבער זיין געלעגער, אָטעמען לעבעדיק, דעם פלאַנעט־באַלעט.

איטלעכער שטערן מיט זיין אורגעזיכט, אפילו די קאָץ צופוסנס זיין בעט,
האָט אין אירע אַפּלען געשפּיגלט דאָס אורבילד פון אידיי, וועגט און דילן,
האָבן אויסגעטאָן דאָס געשטיין און האָלץ פון זיך און גענומען שפּילן
דעם אור־ניגון!

אַהאַ, אַרעמער פלאַטאָן! איצט ווייסט שוין דער קלענסטער אבסאָלווענט
פון אַ פאַקולטעט,
אַז אידיי איז „מעטאַפיזישער קוואַטש" און חוץ מאַטעריע איז גאָרנישט
נישט פאַראַן!
אַז מחשבה איז אייוויים פלוס זוערשטאָף און דער אינסוף איז
אַ פלאַנעטן־באַן!

צו וואָסושע לויפט די באַן? דאָס איז נישט קיין פראַגע פאַרן מאַן אין קאָסמישן ראַקעט,
ער האָט נישט קיין צייט פאַר „מעטאַפיזישן פילפול", ער האַלט זיך פעסט אין דער „רעאַליטעט".

ווי אַ חדר־ייִנגל אין אָפּגעבליאַקעוועטן פאַרטוך פון זיין מאַמע,
און ווייסט נישט, אַז ער איז מיסטעריע אין אַ מיסטעריעזער דראַמע,
פון ערשטן אדם־אַקט ביזן מאַן אין אַטאָמישן ראַקעט!

לידער פֿון רחמים

א

איך ווייס: דיינע צעפּ האָבן פֿאַרלאָרן דאָס גאָלד פֿון קאַיאָר
און דער פֿליויש פֿון אַבריקאָסן האָט פֿאַרלאָזן דיינע הויטן.
שעם זיך ניט, קום, מיר איז געגנוג איצט די וואָר:
ביסט אַן אָרעמע טאָץ מיט היימיש אַלט-געבאַקענע ברויטן.

שעם זיך ניט, קום, ס'איז צייט פֿון געבעט
אויף פֿעלדער אָפּגעקאָסעטע, מידע.
זע, אַלץ אין מיר איז עניוותדיק גרייט
צו דער לעצטער אָרעמער סעודה.

ב

איך האָב צעשטערנטן בעז גערימן אין דיין פֿאָטערס גאָרטן.
אַ קאַרשנבוים האָט געוויגט זיך איבער דיר און איך בין מקנא געווען
דעם שאָטן,
וואָס האָט צוגעדעקט דיין לייב. שפּעטער האָב איך געאייפֿערט דעם
פּורפּורזאַפֿט פֿון קאַרשן,
וואָס האָט ווי אַ קוואַל אַראָפּגעריזלט צו די הייסע רונדקייטן אַרום דיין
האַרצן.
איאַ מאַדנע? איך האָב קיין איין מאָל ניט געצערטלט דאָס געכוואַליע
פֿון דיינע מיידלשע פֿליושן.
איך האָב ניט געקושט דעם זומער אין דיינע האָר. קום, וועל איך איצט
דעם ווינטער אין זיי קושן.
שעם זיך ניט, פֿאַרדעק ניט דיין געזיכט, לאָז מיינע ליפּן וואַנדערן
איבער דיינע טרויעריקע קנייטשן,
איך וויל איינאָטעמען דעם ריח פֿון בלעטערפֿאַל, דערגרונטעווען און
טייטשן

דעם סודותדיקן כתב, וואָס גורל האָט אויף די הויטן דיינע אויסגעציקלט.
באַהאַלט ניט דיין נאַקעטקייט, לאָז דאָס פעלד אין זיין גאַנצער
הארבסטיקייט אויפגעוויקלט.
באַהאַלט ניט דיינע בריסטן. איך הער אין זייער פאַרשעמטער
איינגעשרומפּנקייט דאָס כוואַליעקע געהילך:
אַ מאָל האָבן צאַפּלדיקע קינדער געטוליעט זייערע ליפּלעך צום געפלייץ
פון דיין זינגענדיקער מילך.
אַצינד אָטעמט שטילקייט אַרום דיין לייב, אַזאַ ערב־שבתדיקע
שטילקייט:
אַלץ וואָס גאָט האָט געבאָטן האָט דיין לייב דערפילט. ביסט אַ ווערק
אין גאַנצער פּראַכט פון זיין דערפילטקייט.
לאָז מיך קושן דיינע קנעכלען. זיי האָבן זיך געבויגן אונטערן בראָכשטול
פון געבערן,
איצט זענען זיי טרויעריק־בלייך ווי די הימלען פאַר נאַכט. האָרך, באַלד
וועלן אויפגיין די שטערן.
קוים־קוים־ליכט. די טייכן ווערן שטיל־שטילער און בלויער
און ווי לבנה־ליכט איבער וואַסערן ריזלט איבער דיין לייב אַזאַ דין־
דינער טרויער.
איאַ מאַדנע? איך האָב מיידלווייז ניט געצערטל דעם זומער אויף דיינע
כוואַליענדיקע פליושן.
לאָז. איך וועל איצט דעם ווינטער אין דיינע שלאָפנדיקע טאָלן קושן.

ג

זאָל ער געוועלטיקן דער ווינטער. ווי קליינע פייגל שטייען מיר אויף
די צווייגן פון פראָסט,
מיר זענען ניט ברוגז אויף גאָט. עניוותדיק האָבן מיר די פליגלען
אַראָפּגעלאָזט.
אַלץ אין אונדז איז גרייט. מיר טוליען הכנעהדיק די קעפּ צום שטילן שניי.
זע, דאָס פעלד טוט אויך אַזוי, און דער וואַלד אַזוי. צי זענען מיר דען
מערער פון זיי?
קום, פאַרריגל דיינע פינגער אין מיינע פראָסטיקע הענט. סאַראַ נס:
אַלצדינג וויאַנעט נאָר דער טרויער איז יונג און שמעקט ווי פרישער בעז.

ד

איך האָב געזען ווי דיינע איינגעקוואַרטע גלידער האָבן זיך געטוליעט
אונטער די געוואַנטן ביי דיר,
אַזוי האָבן אַ מאָל אָרעמע אורחים אין קלויז צווישן פּאָליש און פּאַר־
זשאַווערטן כיור,
זיך געשרומפּן אונטער אָפּגעבליאַקעוועטע טליתים. נאָר פון זייער
עניוותדיקער פאַרשעמטקייט
האָט אַרויסגעשטראַלט דאָס הייליקע גאָלד פון נסתרימדיקער שיינקייט...
און איך האָב געטראַכט: געגליכן צו די הייליקע למד־וואָוו צדיקים איז
דיין יעדער גליד,

און איך האָב געבענטשט דיין שוים,
וואָס האָט געשמעקט ווי אַלטער ליים
אויף דער שוועל פון אַ הרבער קלויז...

ה

איטלעכער אבר אין דיין גוף איז אַ וועלט־פאַר־זיך, אַן עולם־קטן.
די מינדסטע צעל אין דיין לייב אין אַן איכישער יש.
איין חן־גריבל איז אין צווייטן מיט גאָרנישט ניט געראָטן.
דאָס פורפור־רויטע פלעקעלע, אויף דיין האַלדז, איז אַ פּאָזעמקע אין
גאָרטן.
דער קנייטש אונטער ברעם — אַ טרויעריק אָוונטיקער שאָטן,
בעת דיינע אויגן פאַרמאַכן זיך — טוט עס זיך אַ לעש.

אפילו דאָס פאַרשעמטע געקאָרטש פון זיקנה אַרום דיינע בלייכע אויערז
פאַרמאָגט די פּראַכט פון אַ קעניגרייך בעת דער שונא באַפאַלט:
די קנייטשן שטייען ווי פּרינצן ביי די באַלאַגערטע טויערן,
האַלטן די ליפּן פאַרמאַכט: זאָל קיינער ניט זען און באַדויערן,
אַפילו אין אונטערגאַנג זייער מלכות שטראַלט...

ווי אַן אַלט פאַרצווייגטער בוים בלויט דאָס אָדער־געפלעכט אויף דיין
דלאָניע
מעשיות פון פייגל און צווייט געדענקט די קאָרע פון דיין הויט.

די שאָטנס אַרום דיר טונקלען ווי קאַטאַרינקעס, וואָס פלעגן אַ מאָל
אין דיין פּאָדאָליע
אויסשפּילן אומעטיק קלוגע לידער וועגן מענטשישער דאָליע.
פון דיינע אַפּלען קוקן די קינדער, וואָס פלעגן צווישן בעטלערס, אומעטיק,
פּאַוואָליע
שפּרייזן און פילן, אַז ערגעץ איז פאַראַן אין דער וועלט אַ טויט.

ו
ניט נאָר איך און דו — אויך גאָט איז אַלט געוואָרן.
ער האָט באַשאַפן אַמאָל. איצט זיצט ער אין ווייסן שבת שבתון
און גאַפט אויף זיין ווערק. אַלע טווּנגען שלאָפן פאַררינגלט אין לשון.
זיינע וויִעם האָט ער ווי שווערע וואָלקנס צוגעשלאָסן.
דער רעגן אין זיי וויל ניט מער רעגענען ווי אין די יונגע יאָרן,
די שטערן־קאַרעטעס, וואָס ער האָט באַפוילן אין לאַנגע נסיעות צו פאָרן,
קרייזן איצט אַרום די טרויעריקע אַקסן אייניקער אַליין.
זיי וועלן אויך מיט דער צייט מיד ווערן און בלייבן שטיין.
די דונערן ניט מער דונערן, די בליצן ניט מער בליצן.
קום, מיר וועלן צוזאַמען מיטן אַלטן גאָט אויף דער שבתדיקער פּריזבע
זיצן,
זינגען קליינע פאַרשעמטע לידער פון בענקשאַפט און וויינען.
וואָרהאַפטיק, סאַראַ נס: איך און דו און גאָט — מיר קענען נאָך וויינען...

ז
באַנג־באַנג־באַנג. וואָס טוט מיר און דיר און גאָט באַנג?
צי קען מען שוין מער גאָרנישט פאַרריכטן?
און אפשר איז גוט אַזוי? מען דאַרף מער גאָרנישט ניט פאַרריכטן.
אפילו דער טעות פון לאַנג־לאַנג־לאַנג
איז געוואָרן געליטערטער געזאַנג.
צי פאַסט דען אין מיטן שבת, אַ פראָסט מיטוואָכל פאַרריכטן?

ח
מען דאַרף מער גאָרנישט ניט פאַרריכטן. אַלץ רוט אין פּראַכט פון
באַשערטקייט
אין די ווייַנקעלערס הויערן בערג מיט אויסגעפּרעסטע פּירות
ווי די האָרדעס קריגסלייט

וואָס האָבן זייער בלוט דעם שלאַכטפעלד אָפּגעגעבן, נאָר ערגעץ, ערגעץ
טרינקט מען דעם ווײַן פון זייער נצחון.
קום, איך וועל דײַן גוף אַריבערטראָגן אין די ווײַנקעלערס און אויסבעטן
א געלעגער
צווישן די בערג מיט אויסגעפּרעסטע פּירות. וואָרעם געגליכן צו זיי
איז דײַן גוף:
דײַנע בריסטן הענגען ווי ווײַנשטאָקן אין הארבסט נאָר זייער ווײַן
זינגט איצט אין דײַנע זין און טעכטער.
מען דאַרף גאָרנישט ניט פאַרריכטן. אַלץ רוט אין פּראַכט פון
באַשערטקייט.
שטיל-שטיל אָטעם איך אַרײַן אין דיר מײַן לעצטע ליד. איך פיל
דו ציטערסט נאָר דײַן הויט אין עניוות
באַהאַלט צניעותדיק דעם ציטער: ס'איז ניט קיין צײַט אַצינד
פון כוואַליען, נייערט פון צונויפגעפּרעסטע ליפּן.
און איך זע, ווי אין די רקיעות פאַר נאַכט ציטערט א בלוי אָדערל
אין דײַנע בלײַבע שלייפן,
סוף-טאָג פאַרהאַלט זיך נאָך, נאָר באַלד ווערט אויך ביים בלויען אָדערל
שבת שבתון...
דו לייגסט דײַן קאָפּ אין מײַן שויס און איך קוש דײַנע בלײַבע שלייפן,
כלה מײַנע.
ביסט מײַן כלה ניט געוואָרן אין די כלה-יאָרן,
וועל איך אויך אַצינד ווי קיין חתן נישט באַרירן דיך.
הער — מורמל איך — הער סאַראַ שבתדיקע רו אין דער באַשערטקייט!

ט

צו אַלץ וואָס געווען, איז און וועט זײַן זינגען מיר: „ס'איז גוט אַזוי",
און דאָס געזאַנג טריפט ווי האָניק אין בינשטאָק. אַלע בינען שלאָפן,
נאָר אין שבתדיקן בלוי
איז וואַך די בינען-מלכה. זי נייגט זיך צום לעצט-לעצטן מאָל
מיט צאַרטן תענוג
צו בורשטיניקער שטילקייט, וואָס אָטעמט איבער צײַטיקן האָניק.
זי שמייכלט מיד די אַלטע בינען-מלכה און עס ריזלט אויף אין איר זכרון

דער ערשטער בלויער שפראָץ אויף טאָג, אין ווייטע קינדעריאָרן,
דער ערשטער דאָרשט פון יונגע פליגל. און אַט שפרייטן זיי זיך אוים —
און זע אַ נס: זי פליט... זי פליט צום בלומענוואַלד אַרוים.
וויפל פלי און מי... און איצט? דעם סוף פון חשבון קושט די בינען־קעניגין
און מיט לעצטער קלוגשאַפט לייגט זי פליגלען צונויף און טוט זיך עניוותדיק אונטערטעניקן
צום האָר פון באַשערטקייט. אַלץ איז אָפּגעטאָן ווי סע קער צו זיין,
איצט טוט די מלכה איר לעצטע תפילה זאָגן.
זיי גרייט, געליבטע, איך וועל צו אָוונטיקן בינשטאָק, צו שלאָפנדיקע בינען דיך טראָגן
און אויסבעטן דיר לעבן דער קלוגער בינען־מלכה, אַט אַזוי, אַטאַזוי
און איך וועל קניען אַ צייטיק־מידער
און קושן די בורשטיניקע שטילקייט פון האָניק, וואָס שמעקט אַראָפּ פון אַלע דיינע גלידער.

י

מיר האָבן געבראָכן דאָס אָרעמע טרוקענע ברויט
און געטרונקען פון שנייִקע קריגן די ווייִנען.
קום, ס'איז צייט, לאָמיר שפרייזן ווי קינדער פאַרטרויט
צו די לעצטע פאַרהוילענע פליינען.

פאַראַן דאָרט אַ לאַנד פון יענער זייט שליאַך,
דאָס היימלאַנד פון שבת שבתון.
די מנהגים פון יענעם לאַנד און די שפראַך
זענען פאַר אונדז שטייניק־קיל און פאַרשלאָסן.

אַט אַזוי, טוליע דיין קאָפּ צו מיינעם מיד,
לאָז אַראָפּ די וויִעס, איך וועל דיך פירן.
זע, אַ לעצטער פויגל, אַ בלויער פליט
אַריבער שטיין און שטאָק און טירן.

אָט אַזוי, קני אַראָפּ צום נאַכטישן גראָז,
ניט שרעק זיך פאַר שטומקייט פון שטיינער.
און ווילסטו, קוק דורכן שטיין ווי דורך גלאָז,
זעסט? סאַראַ רו אין לאַנד פון געביינער.

ניט ציטער, געליבטע, ס'איז היימיש געביין,
צאַרט-צאַרט קוק אײַן זיך, וועסט דערקענען, מסתּמא:
אָט דער בוים פון געביין איז פאַר צייטן געווען
די וואַרעמע האַנט פון דײַן מאַמע.

מיט וויפל ליבשאַפט האָט די דאָזיקע האַנט געגלעט דײַנע האָר,
ניט ציטער, טוליע דײַן קאָפּ צו מײַן האַרצן.
און יענע האַנט האָט, צוריק מיט צענדליקער יאָר,
געריסן אין זיידנס סאָד פאַר דיר קאַרשן.

ניט ציטער, געליבטע, נייג זיך נענטער צום שטיין
מיט צוטרוי פון פייגל צו נאַכטישע נעסטער.
אַלע טייערע און אייגענע זענען געקומען אַהער שווין צו גיין,
צי דערקענסטו ניט דײַנע ברידער און שוועסטער?

זע. אַלע שיפן מיט ציטיקן גאָלד זעגלען צום ראַנד
און סע נעמען זיך רקיעות אויסשטערנען.
קום, לאָמיר די שפּראַך פון שבת-לאַנד,
קלאַנג נאָך קלאַנג, אויסלערנען.

זע, דער בלויער פויגל פליט, מיט אַ מאָל ווערט ער שטראַליק-ווײַס
און וואַקסט צונויף מיט דער נאַכט דער פאַרשנייטער.
די שטילקייט פאַרשליסט איר אײַזיקן קרײַז
און די מזלות בלײַבן שטיין אויף די ערטער:
זיי האָבן זייער שליחות דערפילט און לעשן זיך אויס,
און בלײַבן בלײַבט בלויז אַ דין-דינער רויש
פון עמעצנס לעצטע ניט-דערזאָגטע ווערטער.

דריי לידער וועגן גרויסן געלעכטער

א

צופוסן מיין בעט, לבנה־סקולפּטאָר האָט באַשאַפֿן
אַ בלויען גאָרטן פֿול מיט בלויען בעז.
אַלע אברים מיינע ווערן אַפּלען און אַלע אַפּלען גאַפֿן
צום שטראַלנדיקן, שמעקנדיקן נס:
בלויע סעדער, בלויע טייכן, בלויע שיפֿן
און מיין צימער — אַ קליינער בלויער אוניווערז.
בעת די שיינקייט טוט צו טיפֿסטע טיפֿן זיך דערשיפֿן,
פּרוּוו איך אַריינזועגלען זי אין האַפֿן פֿונעם פֿערז.

שיינקייט, בעט איך — שיינקייט, שוועסטער, חבר!
און ווי איך נעם נאָר טינט און פּען,
דערזע איך: אַ לבנה־קאַטאַפֿאַלק און דערינען — אַ קאַדאַווער,
און דעם קאַדאַווער, גאָט מיינער, איך דערקען:

ס׳איז איך... איך יעקב בן שלום יוסף,
מיין שפּיגל־בילד גליווערט אינעם ליים.
מיט אַ מאָל דערפֿיל איך: איך בין וואָגל און ער איז תּושב,
איך בין וואַנדער און ער איז האַפֿט און היים...
און שטאָט צו גרוילן נעם איך שמייכלען היימיש,
פֿאַרשלים די אויגן מיט דימענט־שלאָס פֿון טרער
און דעראָן: מיט קלוגער פּשטות פֿונעם חומש
וועל איך שפּעטער גיין צום אים און ווערן ער...

ב

איך בין סיי ווי ער, נאָר אַ רגע בלויז
פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ניט־האַפּטיקער געשטאַלט.
יינגלווייז, ווען געיאָגט איך האָב נאָכן פאַכטערס מויד אין וואַלד,
איז ער געלעגן שוין אין געלן ליים
און געוואַרט אויף מיר, ער האָט צייט, די צייט איז זיין...

נאָר מאַיעסטעטיש איז ער, גרויסמוטיק און לאַזט
אויף אַ ווייל אַ שפּיל־טאָן מיט מיידל־צעפּ,
מיט ווייסע שליטעלעך אין פראָסט,
מיט טעות־פערל פון גאָטס שטערן־שיין...
ער איז מאַיעסטעטיש, ער האָט צייט, די צייט איז זיין...

ג

היינט האָבן זיך צעקנאָספּנט אַלע קנאָספּן אין מיינע סעדער,
אונטער גרויסעביימער זיצן קליינע לבנה־קאַרליקעס
און שפּילן מיטן גרויסן שטערן־זייגער,
-- ניט פאַראַן קיין צייט, שטאַמלען זיי — נאָר דערווייל ביז וואָס
און ווען,
פילן זיי אָן די ראָסע־בעכערס מיט בלויען שטערן־קרעם
און מיר טרינקען לחיים. לחיים שרייען די קאַרליקעס
און זייערע אויגן שיינען
און זייערע הענטלעך טייטלען צום פאַסטעכס מויד,
וואָס זיצט ביים טויער פון מושב־זקנים.
טרויעריק בלעטערט די זקנה
דעם אַלטן פאַמיליע־אַלבום און געפינט
דעם קאַדאַווער פון יענעם פורפורנעם שמעטערלינג,
וואָס האָט פאַר פערציק יאָר אַמאָל,
געפלאַטערט איבער אירע סעדער אינעם טאָל,
בעת איך האָב צווישן גראָזיקע טרעפּ
געקושט אירע קאָרענע צעפּ...
אוי, אוי, לאַך איך משוגע און די לבנה־קאַרליקעס
לאַכן מיט מיר דאָס גרויסע געלעכטער.

מילא

הוי, רעזשיסער, דערלאַנג די רעקוויזיטן:
דעם פּאַראַיאַריקן שניי און דעם זיידנס שליטן,
זיין זילבער-באָרד און פּליושענע ראַזעווולקע,
דעם שטעקן מיטן לייבן-קאָפּ
און די בורשטינענע ליולקע.
הגיע זמן
איך זאָל שפּילן דעם „אַלטן מאַן״.

ווייַן נישט, מאַמע, איך בין הכנעהדיק ווי שטענדיק,
איך וועל נישט ראַנגלען מיט גאָטס מילן:
אויב אין טעקסט שטייט „אַלטער מאַן״
וועל איך זיקנה מיט ווירדע שפּילן.

אוודאי, מאַמע, אוודאי אַזוי.
נאָר בעטן בעט איך: זע, לעבן וואַלד,
פּאַזע טייך, אין לבנהיקן בלוי,
שטייען דעם גערטנערס טעכטער
מיט די קאָרענע לאָקן,
איך בעט דיך, נעם זיי פון וועג אַוועק,
זיי זאָלן נישט זען דעם „זקן״

סע שעמט זיך יאַנקעלע סאָלאָוויי
פאַר זייערע יונגע אַפּלען...
נאָר די בוימער לאָז שטיין, זיי מעגן זען
ווי דער זקן האָפּסלט אַראָפּ די שטאַפּלען
צום לעצטן שטילן אַקט...

אויף דער טייך מעג זען, דאָס פעלד דאָס אָפגעקאָסעטע
און די קרעטשמע די צעבראָכענעביים טראַקט...

איך בין גרייט, צו אַלצדינג גרייט, מיין גאָט,
רעזשיסער, דערלאַנג די רעקוויזיטן.
איך טו אָן דעם זיידנס זילבער-באָרד
און זעץ זיך אין זיין אַלטן שליטן,
איינגעוויקלט אין זיין פּליושענער ראַזעווולקע.
דערלאַנג נאָך אַ קאַפּל פּייער, רעזשיסער,
איך וויל פאַררויכערן זיין בורשטינענע ליולקע
און באַהאַלטן, ווי ער, הכנעהדיק, די אויגן אין שאָטן.
און איצטער, קוטשער, טרייב די פערד,
אַהין, וווּהין ס׳האָט גאָט אונדז געבאָטן.

ווי אַזוי דער בעל־שם האָט עולה געווען קיין קיטעוו

א

טיף־נאַכט. סע שווייגן פֿאַרטייעט, די וואַלדיקע בערג,
ווי ריזיקע קנאָספּן אין אייגן געבלעטער פֿאַרריגלט.
די נאַקעטע מראה פֿון ווערק,
האָט אָוונטליכט, מיט צניעות, פֿאַרוויקלט.

שטילקייטן לייענען. אַן אַ קול, דאָס כתב פֿון ליכט,
זיי האָבן, דממה־דקהדיק, פֿאַרשלאָסן זייער לשון,
און טוליען זיך צום פֿאַרהוילענעם געזיכט
פֿון דער בלאָער מלכּה שבת־שבתון.

אַז אַלע וואַלדיקע בערג שווייגן יראת הכּבודיק־פֿרום,
איז אויך דער בעל־שם צום שווייגן זיך מצטרף,
ער שרומפּט זיך איין, ווערט קליין ווי טוי אויף אַ בלום:
— האָרך, האָרך, ווי טל דאַוונט, צו דיר, מעריב.

— נאָר אפֿילו אַ ראָסע־פּערל איז צו רעשיק־גרויס,
מאַך מיך פֿון אַ זערנע — שווייגן שטילער, קלענער,
איך וויל זיין פֿון אַ כּוונה די כּוונה בלויז,
וואָס וואַגט ניט צו ווערן קיין זמר...

אַזוי איז מתפּלל, אַן ווערטער, דער בעל־שם
און ווערט נאָך שטילער און גרינגער
פֿונעם אָוונטליכט, וואָס שלאָפֿט אין אַ בלאַט,
פֿון אַ ווערבע־צווייג אַ יונגער.

ב

נאָר מיט אַמאָל ווערט דער יום-טוב פון שטילקייט,
דורך אייגענער פרייד, צעפּראַלט,
עלעהיי אַ שטורעם, אין צעכראַסטעטער ווילדקייט,
באַפאַלט אַ שלאָפענדיק וואַלד.
די שטילקייט ווערט מגולגל אין אַ פלאַמיקן האָרן,
וואָס שטראַלט און קוואַלט און שאַלט.
די צייט פאַרלירט איר זכרון
און דער וואַלד — זיין אייגן געשטאַלט:
ס'איז אי נעכטן, אי היינט, אי מאָרגן,
אין אַ מראה, וואָס איז נאָך-קיין-מראה, פאַרבאָרגן.

ג

קודם איז אים גוט אין גלגל פון קוואַליק-געשטראַל,
שפּעטער דערפילט ער: אויך שטראַלונג טראָגט עול פון חומר,
אַפילו ' דער ניגון וואָס ניגונט אין געקוואַל פון אַ קוואַל,
איז אויך נאָך ניט נאַקעטע זעל פונעם זמר...

אַפילו דער דאָרשט פון בן-אדם נאָך אין-סוף,
אַז פאַרקנסט צו גופיקער מראה,
עלעהיי אַ רעגנבויגן פון הוד שבהוד,
אין לופטיקן שוים פון אַ כמאָרע...

איז מצמצם נאָך מערער דער בעל-שם-טוב זיין גוף,
די לעצטע קרישקע פון פלייש און קנאָכן.
מיט אַ מאָל דערהערט ער, אין וואַלדישער טיף,
וויינען די פּליושענע מאָכן:

עמיץ שפּאַנט אין דער נאַכט, דורך פאַרטייעטן וואַלד
און סע שמעקט פון אים מיט בלוט און מיט שווייסן.
אין אַ וואָלקן איז פאַרהילט די געשטאַלט,
נאָר ווי שטערן לייכטן אַרוים זיינע פליישן...
אַן עולם-קטן פון וויי און ווונד און ליכט,
פאַרזיווגט אין אַן איינציק געזיכט...

ד

די שטילקייטן קאַרטשען זיך ווי הויטן
אויף אַ ווילדן, דערשראָקענעם פּנים.
דער קרעציקער מאַן פון עוץ,
ברומט ווי פון אַ מאָכיקן ברונעם:

— הוי, ישׂראל, בעל-גאווה, דו,
פאַרוואָס ביזטו פון גוף אַנטלאָפן
און געלאָזט אַליין איוב׳ס געוויין,
אין יסורים-הויז פון פליישׁ און ביין?
צי מיינסטו, מיין גוף איז קלענער פון אין-סופן?

און איוב — רייסט אָפּ דאָס העמד פון זיין לייב,
און ווי מזלות, אין הימלישע קרייזן,
ברענען די וווּנדן, פּורפּור-רויט,
אין זיינע נאַקעטע קרעצישע פליישן.

— זע, זאָגט איוב — דאָס געשטערן אויף די ועלבונגען,
ווי יעדע נאַכט, האָט די אייביקע האַנט אָנגעצונדן,
נאָר קיינער קומט ניט צו די הימלען פון מיין הויט,
קיינער קומט ניט פאַרבינדן איוב׳ס וווּנדן.
צי ווייסטו, פון אונטער וויפל העמדער,
סע וויינט אַרוים דאָס פליישׁ פון איובן?
און דו ביזט אַוועק צום יום-טוב פון וועלדער,
צו דערגרונטעווען פון דינסטער שטילעניש די טיפן!

צי זיינען די יסורים אין מיין פליישׁ ניט טיפער פון אַלע
שטילקייטן אין אין-סוף?
פאַרוואָר, איך זאָג דיר: ס׳האָט כביכול באַשאַפן איובן,
לויט זיין אייגענער מראה און פורעם,
נאָר אַפילו דער שאַפער אַליין פאַרמאָגט ניט די קרוין,
מיין אייביקע קרוין פון יסורים.

ה

פורפורט קאַיאָר אויף געבערג, צווישן קאָסעוו און קיטעוו.
וועלדער עפענען בריליאַנטענע אויגן אין יונגיקן גאָלד.
— זיי מוחל, שעפּטשעט דער בעל־שם — ס'האָט מיין גאווה געוואָלט,
צום ניגון פון אין־סוף ווערן אַ שותף...

איצט שטרעקט דער בעל־שם אויס זיין האַנט
און טוט אויס, פון זיך, דאָס ערשטע געוואַנט
פון תפארתדיקער שטילקייט,
דערנאָך הילט ער אָפּ, פון זיך, די שמעקנדיקע קילקייט
פון קוואַל און דעם דינעם רמז
פון שטערן־אַלבאַסטער אין זיינע כוואַליעס...
און ווי אַ בן־מלך, וואָס פאַרלאָזט,
דעם פאָטערס קעניגלעכע סאַליעס,
קלעטערט ער אַרונטער וואַלדיקן באַרג.
פון נעפל שווימט אַנטקעגן דער קיטעווער יידישער מאַרק.

און דער בעל־שם צעעפנט זיינע אָפלען
מיט רחמימדיקער אהבה:
— גוט מאָרגן, יידן, זאָגט ער —
זייט מוחל, סרולקען דעם בעל־גאווה.

איצט שפּאַנט דער בעל־שם צום הקדש,
עס גאַפן זיינע פאַרחידושטע אויגן:
זקנים מיט פאַרבלוטיקטע בערד,
זיצן אויף די דילן געבויגן,
זיי בינדן און פאַרבינדן די ווונדן,
און אַלע פאַרמאָגן די זעלביקע מראה און געשטאַלט,
פון איובן, דעם מאַן פון עוץ,
אין קיטעווער נאַכטישן וואַלד...

אַן עולם־קטן פון וויי און ווונד און ליכט,
פאַרזיווגט אין אַן איינציק געזיכט.

קליינע לידער

מיין גוף

אַ מאָל פאַרלירט מיין גוף זיין וואָג
און ווערט גרינג ווי בלויער ערב-טאָג.
גאָט לעשט די שטערן אין הימל פון מיין הויט
און צינדט אין מיינע וואָלקנהאָר דאָס יונגע מאָרגנרויט.
אַ שוואַלב ציטערט אין מיין לופטיקער ברעם
און פליט, פון מיר צו מיר, אַהיים.

אַ טראַף

ניט גרעסער בין איך פון אַן איינטראַפיק וואָרט,
נאָר מיין קליינער ער־און־הימל געגרונטפעסטיקט
רוט אין אָט דעם קליינעם טראַף איינגענעסטיקט
און קיניגט לעולם-ועד דאָרט.

איינמאָליק

דער בורא וועט ניט קענען מער
באַשאַפן, נאָך אַ מאָל, די זעלביקע טרער,
וואָס ציטערט אויף דיין וויִע,
אַזוי איין מאָל-איינציק שלימותדיק איז זי!
און ווי עניוותדיק-קורץ איז איר נסיעה,
אין דער קליינער רגע פון אַ פּלי,
דורכן קאָסמאָס פון דיין אַפּל.
וויפל שכל, מי און צאַפּל
האָט דיין אומעט געדאַרפט,

ביזקל ער האָט דעם סך־הכל
פון אַט דעם טרערנדימענט אויסגעשאַרפֿט,
אין אַ טרויעריק־בלויען אינדערפֿרי...
אוי, ווי איין מאָל־איינציק שלימותדיק איז זי!

סע טרעפֿט

סע טרעפֿט: איך לעש אויס דאָס פּנים פֿון מיין נאָמען
און דאָס טאָגליכט פֿון מיין אָדם־געזיכט.
נאַקעט־באָרוועס פּרווו איך קומען
צוריק אַהיים, אין וואַלדגעדיכט.

ריחות פֿון מאָכן, אין וואַלדישער הייל,
סאָפּען מיט האַריק חייִשער פֿעל.
און דאָס געשליפֿענע וואָרט אין מיין קעל,
ווערט נאַקעט וואָיענדיק וועלפֿיש געהויל.

דער וואַלדגאָט כאַפּט־אויף זיך מיט דונער און בליצן,
זיינע וואָלקנהענט פֿאַרקראַטען דאָס נאַכטישע אויג.
איך קריך צו מאַמע־וועלפֿיכע, צו אירע הייסע ציצן,
פֿאַרזשמורע די אויגן פֿון תּענוג און זויג.

אַ מאָל

אַ מאָל ווערן מיינע אבֿרים ווילד אין דער שלאַכט,
ווי ביי האָרדעס הונגעריקע לייבן.
ווי אַ חיה איר זויגלינג, דורך אַ ברענענדיקן וואַלד,
איך טראָג דורך אַלע סכּנות מיין לעבן.
נאָר אַ מאָל ווער איך שטיל ווי גראָז אינעם ליכט
פֿון פֿאַרטאָגיק דימענטענער ראָסע,
און איך לאָז הכנעהדיק גיין אַריבער זיך
דעם שניטערס שאַרפֿסטע קאָסע...

אַליין

וואָס איך טראַכט און זאָג און טו־מיט־זיך,
פֿאַלט אָפּ פֿון מיר, ווערט אַ צווייטער „איך״.
אַזוי פֿיל „פֿעלקעראיכן״ און אַלע — מיין באַשאַף.
מיטנאַכט. ווי אַ מאַמע־חיה, איך באַשמעק זיי און באַגאַף.
נאָר זיי ברומען פֿרעמדע אינעם טיפֿן וואַלד.
דוכט מיר: אַ העלפֿאַנד בין איך, קראַנק און אַלט,
וואָס לאָזט דורך פֿינצטערניש זיך גיין,
שטאַרבן אַליין, אין וויטן פֿליין,
פֿון דורות־טויטן עלפֿנביין...

דער איינציקער

אַלע ליפּן ווערן פֿעלדזן אין דער נאַכט,
קיינער שרייט ניט.
אויף שטיינערנע קעמלען, מיטן שליאַך,
קיינער רייט ניט.

צווישן פֿאַרפֿרוירענע שטערן — דער ווינט
האָט אַליין זיך פֿאַרלוירן.
ערגעץ גייען מאַמעס צו־קינד
נאָר קיינער ווערט ניט געבוירן.

דער איינציקער, נאָך אַלעמען, וואָס בלייבט,
אונטער וועלבונגען פֿאַרכמאַרעטע,
איז דער שוואַרצער קוטשער, וואָס טרייבט,
די פֿינצטערע קאַרעטע...

אַ היים

דער שוואַרצער קוטשער טרייבט די שוואַרצע שימלען
און פירט אָדמען מיט חוהן צוריק צו ערשטע הימלען.
איך ליג ביי מאַמע־חוהס בויך און דרימל.
מיר איז גוט: איך פיל דעם ריח שוין פון הימל.
טאַטע־אָדם גלאָצט תמעוואַטע אין פרימאָרגנדיקן נעפל
און קערט אום דעם עץ־הדעת קריק זיין פורפורנעם עפל...

לידער צו אַ גיישע־מיידל

א

שטילקייטן אָטעמען מיט גאָלדרויש
פון דיינע סאַנדאַלן,
ווי אָוונטליכט אין קוואַלן,
שלאָפט דער טשע אויף דיין שויס.

דיין פּעכער רוט צאַרט,
ווי אַ רעגן־בויגן אויף אַ וואָלקן.
אונטער אים שלאָפט דיין שמייכל באַהאַלטן,
ווי די שטילקייט אין אַ לאָטאָסבלאַט.

און איך ווער בין? נע־ונד אין פייער־וואָגן,
איך קום צוריק פון וועלטבאַשאַף.
נאָר אויף מיינע ליפּן ליכטיקט ניט קיין טראַף,
„כי טוב" ווי גאָט אַ מאָל, איך וועל ניט זאָגן...

גאָט איז דאָרשטיק, ברענג אים יאַסמין־טיי אין לאָגל,
גאָט איז מיד אַזוי פון וואָגל
דורך מוראַשקע־שטעט און צעשטערנטע אין־סופן.
בעט אים אויס אין אַ קליינער לאָטאָסבלום און לייג אים שלאָפן.

ב

איך וועל קיין מאָל דיינע גלידער ניט באַרירן מיט מיינע פינגער,
אַפילו מיין חלום פילט פון דיין גוף ניט די לאַסט.
אַ שטערן קומט צום ברונעם, ביי נאַכט, אַזוי צו גאַסט
און אַ ליד, אָנגופיק, צונעם זינגער.

נאָר ניט דער ברונעם און ניט דער זינגער
רופן ביים נאָמען אָן דעם גאַסט.

אויך איך פרעג ניט נאָך דיין נאָמען,
פאַר מיר ביסטו „אַ גיישע־מיידל" עלעהיי,
עס וואָלט אַ לבנה־שליטן אין שניי,
אין אַ נאַכט אַזאַ, אַדורכגעשווומען.
לאָז מיך לויפן נאָכן לבנה־שליטן איבער בערג פון טאַבוקי.
אָן עלנטער גאָט בין איך, פאַרבלאָדזשעט צו דיין טיירוים,
וואָס איז גרוים און קליין ווי דער קאָסמאָס פון אַ מילגרוים...

ג
קום, גיישע,
לאָמיר ווערן,
צוויי קליינע
מילגרוים־שטערן,
אין שמעקנדיקן פרוכטרוים.
דער זינגפויגל, אויפן בוים,
וועט ניט שרעקן זיך אין נעסט,
אַזוי שטיל וועלן מיר רוען,
אין דער פרוכט, צונויפגעפרעסט.
אויך דער וועוווריק, צווישן צווייגן,
וועט אונדז ביידן ניט דערהערן,
אַזוי שטיל וועלן דעכען
די צוויי קליינע מילגרוים־שטערן.

ד
איבער בערג, אַרום דיין טייהויז,
שוועבט די נאַכט ווי אַ גיישע־מיידל.
אין אירע הענט, אַ טייטאַץ, טראָגט זי די לבנה.
די ברינעמער אין טאָל צעעפענען כוואַליע־ליפן,
און די נאַכט, דאָס גיישע־מיידל, דערלאַנגט מיט ליבשאַפט,
לבנה־טיי פון אירע פולע בעכער.

צוריק מיט הונדערט טויזנט יאָר,
האָט די נאַכט געשוועבט אַזוי איבער בערג פון טאַבוקי,
מיט דער זעלבער לבנה־טאָץ אין אירע בלאָע גיישע־הענט.
און מיט הונדערט טויזנט יאָר שפּעטער
וועט זי שוועבן פּונקט אַזוי איבער בערג און טיפן.
ברינעמער וועלן דאָרשטיק צעעפענען כוואַליע־ליפּן
און טרינקען גאָטס בלאָען טוי, אין זיין בלויען טיהויז.

לאָמיר קניען, גיישע, לייג דיין האַנט אין מיינער, אָט אַזוי.
פון דיינע פינגער קוועלט צו מיינע אַ גאַנצע וועלט מיט בלוי.
דער שאָטן צווישן ליפּן מיינע און דיינע
איז דינער פון אַ לאָטאָס־בלאַט,
נאָר טיפער פון אַ ברונעם.
איך וואָלט מורמלען צו דיר, גיישע,
נאָר עס שעמען זיך די ווערטער
אָפּצוהילן זייער פּנים...

ה
פאַרריגל, פון דיין הויז, טיר און טויערן.
איך פאָרכט זיך, האָרך ווי זיי לויערן,
די גרויסע קלאָונען פון די וועלטמערק.
אויף זייערע קערק הויערן מעטאַלבערג,
זיי ווילן דורכבויערן טויערן
צו אונדזער קליינעם מילגרוים־קאָסמאָס, גיישע!

הוי, ווי איך פאָרכט זיך פאַר דער וועלט דער גרויסער,
פאַר איר פּחדימדיקער קליינקייט!
ווער איז דער קאַרליק, וואָס צעוויגט זיין דולן גלאָק,
אין גאָטס בלויער שטילקייט?

ווער איז דער קלאָון מיטן בויך פון אַ דזשאַז
און מיט סאַקסאָפאָנען אין די אויגן?

ווער איז דער גרילצנדיקער שטאַמלער,
וואָס קומט צערייסן גאָטס שווייגן?

לאָמיר פֿאַרוויקלען זיך, גיישע,
ווי קנאָספּן אין אייגן געבלעטער
און היטן דעם ריח פֿון חלום.
אַזוי טוען די געטער,
וואָס שלאָפֿן אין בראָנדז,
אין דיינע אוראַלטע גערטנער.
אוי, סאַראַ אין־סופֿיקע שטילקייט!
פֿאַרריגלטע הימלען מיט גילדענע רינגען.
היט גיישע, עס קען נאָך די שיינקייט,
פֿון אייגענער זאַפּטיקער פֿולקייט
צעשפּרינגען.

א רעגן אויפן ים

דער ים האָט ליב דעם רעגן,
אַט דאָס לוסטיק־האָפּסלענדיקע פֿאָלק,
פֿאַרוואָגלטע פֿון לאַנד־שטערן־גאָלד,
מיט מיליאָסן דימענטענע אויגן.

נאָר חוץ זיין ליבשאַפֿט צו אָט די ווייטע רעגן־שבטים,
פֿילט דער ים נאָך עפּעס, וואָס האָט קיין נאָמען ניט,
ער אָטעמט, איין פֿון די פֿרעמדע געסט דעם אָטעם
און וויינט... פֿאַרוואָס? ער ווייסט אַליין עס ניט.

די טאַנצנדיקע געסט פֿון ווייטע שטערן־הייכן,
זייערע הויטן, פֿערלמוטערנע, שמעקן ווי זיין אייגענע הויט.
און בעת דער ים צעעפֿנט זיינע אָפּלען אין מאָרגן־רויט,
געפֿינט ער פֿון רעגן־פֿאָלק מער קיין צייכן:

זיי זענען אין אים, זייערע אברים אין זיינע אַריינגעזויגן.
און ווי אַ מידער גאָט פֿאַרשליסט דער ים זיינע שוימיק־גרינע אויגן,
שלאָפֿט איין אין פּליושן־מילדן מאָרגן־גאָלד
און חלומט פֿון ווייטן רעגן־פֿאָלק,
וואָס וועט קומען נאָך אַמאָל מיטן רעגן־בויגן.

ע ל נ ט

וואָס זאָל טאָן דער מאַן מיט די גלעזערנע אויגן
אין פוסטקייט פון ליידיקן הויז?
די נאַכט גלאָצט טעמפּ אַריין אין די שויבן
ווי אַ מאַמוט פינצטער און גרויס.

אין הויז איז גאָרנישט נישט געבליבן
חוץ אַ דעמבענער הענגער אין האָל,
און לעבן הענגער — אַן אַלטינקער סוועטער
פון גרויען צעלעכערטן וואָל.

גלאָצט דער איינזאַמער מאַן אינעם חדר
און כליפּעט צעבראָכן און שטיל,
ער גלעט מיט די פינגער דעם הענגער
און דעם סוועטער אויפן נאַקעטן דיל.

און זע אַ וואונדער: דער הענגער טוט אַ לויכט און אַ ציטער
און ווידער בליט ער ווי אַ בוים אינעם טאָל.
און אים צופוסן — דער אַלטינקער סוועטער
ווערט אַ לעמעלע קריק ווי אַמאָל...

קוועלט ער דער מאַן: אוי, טשעקאַווע,
איך בין גאָרנישט מער עלנט אַזוי.
און ער שניידט פון זיין ריפּ אויס אַ חוה
און אַט האָפּסלט צום בוים שוין די פרוי.

זי בויגט זיך מיט ליבשאַפט צום לעמל
און מעלקט זיינע אייטערלעך אויס.

איצט שטייט דער מאַן אין מיטן געזעמל
און עס ווימלט און טומלט אין הויז.

— חוה, זאָגט ער — מיר מוזן פונסניי אָנהויבן,
אַלץ ווערט קריק איצט צעקנאָספּנט און פריש.
און ער קוועלט מיט יומטובדיקע אויגן
צו די קינדער, וואָס זיצן ביים טיש.

נאָר בעת דער מאַן צינדט דעם לאָמפּ אָן אין חדר,
טוען אַלע בילדער אַ פאַל ווי אונטער חלף פון שטאָל:
דער צעצוויטעטער בוים ווערט קריק אַ דעמבענער הענגער
און דאָס געקרייזלטע לעמעלע — אַ סוועטער פון וואָל.

וואָס זאָל טאָן דער מאַן מיט די גלעזערנע אויגן
אין פוסטקייט פון ליידיקן הויז?
די נאַכט גלאָצט טעמפּ אַריין אין די שויבן
ווי אַ מאַמוט פינצטער און גרויס.

א י ך

אני מאמין, אני מאמין
אז מיין הארץ, מיין פלייש און ביין
און יעדער גליד פון בוים און טייך און שטיין
זענען קינדער פון איין מאמען.

אין טיף-נאכט דערהערט מען איר וויגליד קוואליק-ריין
קוועלז מיר, אין חלום, און אנען:
באלד וועט מאמע די שטערן-קארעטע שפאנען
און פירן, מיטן בלויען שליאך, אונדז אהיים.

ווו איז די היים?
מיר זענען אליין דאך די היים,
און דאס לענגסטע און איינציקסטע גיין
איז פון זיך, צו זיך, אין-זיך-אליין.

און ווער איז די מאמע?
זי איז אונדזער דארשט און געוויין,
וואס גארט אין-זיך, צו-זיך-אליין.

ווי דער ריח אין קנאספ איז פארקנאספט דער מיין
אין איר זיין... זי איז א הייל טונקל געהיים,
וואס קען דעם סוד פון אייגענעם גיין ניט דערגיין.
זי איז זינגענדיק-גייענדיק-פליעסנדיק-שטיין
אין אינסופיקן איבער-זמניקן-אין-זיך.

און ס'איז קיינער ניט געווען,
איז ניט דא און וועט ניט זיין
חוץ „א י ך".

ק י נ ד ו ו י י ז

נ אַ כ ט

א

בעת מיין מאַמע פאַרלעשט דאָס ליכט אין חדר,
טוט די פינצטערניש, ווי אַ חיה, אַ קלעטער צו מיין בעט.
איך פיל איר סאַפּענדיקן גוף, לעבעדיק, מיט פלייש און גלידער,
זי שטרעקט די לאַפּעס אויס, צערטלט מיך און גלעט.
די שטילקייט דעכעט ווי אַ לעבעדיקער זייגער
און כוואַליעט סודותדיק אַריבער צום העט־העט.

צום ערשט דערשפּיר איך פּחד אין מיינע אינגעווייַדן גרוילן,
די אַפּלען האַלט איך צו דער חיה אָנגעשפּיצט:
וואָס טוט די פינצטער־האָריקע אין איר טיפעניש פאַרהוילן,
און ווער איז דער, וואָס אין אירע אינגעווייַדן זיצט?
מיטאַמאָל דערהער איך די חיה מיט מענטשן־לשון ברומען:
„היל נישט אָפּ וואָס פאַרהוילן ס'איז ביז איצט".

און וויאַזוי איך אָטעם נאָר אַרויס דעם זאָג: „די נאַכט קען רעדן",
טוט די חיה זיך אַ שפּאַלט ווי קאָרע פון אַ בוים:
און איך, איך הויער טיף אין אירע אינגעווייַדן
און מיינע אַפּלען ווערן פול מיט וווּנדערלעכן זען:
ווי אין יחזקאלס נבואה. נעמען אַלע טויטע זאַכן לעבן
און עס פליישט אָן פלייש אויף זיך נאַקעטער געביין.

סאַראַ ווימלעניש פון כוואַליקע־קוואַליקע געשטאַלטן
אַ פייער־רעגן מיט מענטשלעכע געזיכט.
פּנימער אויסגעשניצט פון נעפּלען און פון וואָלקן,
טויכן אויף פון טונקל אומגעריכט.
צווישן ים און מידבר שטייט מיין מוטער אין אַ פעלדז באַהאַלטן:

— קינד מיינס, ווערסט דערטרונקען אינעם ליכט!
איך יאָג ווייטער,ביים די ליכטיקייט מיט פאַרמאַכטע אויגן.
ניוכע צו די ריחות און קאָלירן פון אַ יעדער זאַך.
איך שטרעק די פינגער, זוך דעם רעגנבויגן,
איבערן בלאָען גלאָז פון אַ פליענדיקן דאַך.
מיין מוטער לאַכט: וואָס רעדסטו נישט-געשטויגן-נישט-געפלויגן?
זי קושט מיך: נו, שלאָף געזונט מיין קינד, אַ גוטע נאַכט.

איצט נעמען קרייזן טומאַנען איינגעוויקלט אין טומאַנען,
רעדער אין צעשטערנטן געדריי.
פייער-לייבן מיט שטראַליקע געשפאַנען
אין אַ מידבר פאַרקאָוועטן מיט שניי.
איך לויף דורך שרפות, זוך מיין מאַמען.
איך זע נישט, נאָר הער פון ווייטן איר געשריי.

איך יאָג צו איר ווי אַ ציגעלע צווישן גילדענע פלאַנצן,
וואָס לויפט זוכן אַ שטראַליקן קוואַל.
איך בין גאָטס ציגעלע. איך נעם צווישן ליכט-זיילן טאַנצן
און אין מיטן טאַנץ איך טו אין קוואַל אַריין אַ פאַל.
די כוואַליעס נעמען מיך אַרום. מיר ווערן אין גאַנצן —
איין קוואַליקער-כוואַליקער געשטראַל.

קוואַל-קוואַל-קוואַל. וווּהין קוואַל, מיר, מאַמע?
די אויגן זשמורע איך אין פורפורנעם געבלענד.
שדי, אין פייער-וואָגן, טראָגט זיך פון טומאַנען,
קוועלט צום ציגעלע און שטרעקט אויס צו אים די הענט.

בעת איך צעעפן מיינע אַפּלען, שטייט נעבן בעט די מאַמע
און דער פרימאָרגן דראַפּעט זיך איבער בלאָע ווענט.

פאַרטאָג

קאַיאַר שלייכט זיך, פון וואַלד-געדיכט, ווי אַ תכלתדיקער נסתר.
פון טומאַניקן לבוש טאָגט צעזוניקטער פשט.
אין די הויכן וואַכן אויף די בערג. אין טאָל — דער דניעסטער.
און אַרום — די סעדער מיט פלאַנץ און בוים און בלאַט.
און נאָך אַזויפיל צורות הילן אַרויס זיך פון דער פינצטער,
אַזויפיל זאַכן, וואָס האָבן נאָך קיין נאָמען נישט געהאַט.

איך אַליין בין סוד פאַר זיך, נסתרות,
איך בין יאַנקעניו דעם מילניצערס און עפּעס מער פון דעם.
רמז ריזלט טיף אין מיר, נאָר אַנטפּלעקן עס איך טאָר נישט
און גוט ווערט מיר, אוי, גוט אַזוי, סיידן נעם און וויין.
איך שטרעק מיין האַנט, ריר אָן ערד און גראָז און כוואַליע
און אַ ראַסיק-ראַזיק בערגעלע פון ליים.

ביים בערגל ליים טוען די פינגער מיינע זיך פאַרהאַלטן.
אַ ריזלעניש דערשפיר איך אונטער ליימיקן געבוי:
אין גוף אין ליימיקן איז סודותדיק באַהאַלטן
אַ נייער אדם... פאַמעלעך שיילט ער זיך אַרויס פון בלוי.
נאָך אַ רגע און ער וועט אַ קלעטער טאָן צום טאָג צעשטראַלטן.
(אויך דער ערשטער אדם געקלעטערט האָט אַזוי).

מיר דוכט: אָט איצט ביים טייך, קאַיאַר, פאַר מיינע אַפּלען,
וועט דער בורא אַ וועלט באַשאַפן פונדאַסניי.
די נעפּלען וועלבן זיך, די בלויעניש צאַפּלען,
אַלץ איז ווייך נאָך, פייכט און רוי.
איך באַהאַלט זיך אונטער בורשטיניקע שטאַפּלען.
אַלע אינגעווייידן מיינע צאַפּלען מיט אַזאַ דאַרשטיקן געוואַי.

און בעת איך קער אַהיים, טו איך מיינע אויגן צניעותדיק פאַרמאַכן,
איך פאַרכט זיך: מאַמע וועט אין זיי דערזען,

די בלאָע סאַמעט־שאָטנס פון ערב־זאַכן,
דעם סוד פון רויעם שטיין און ליים,
בעת גאָט געגעגנט צו זיי, וויל באַשאַפן...
און איך... איך האָב דעם זכות געהאַט צו זען.

מ י ט אָ ג

וואָס מיינט דער מיטן טאָג? קלאָר־קלאָר־אויסגעקלאָרטקייט.
נאָר עס העלפט אים ניט: אין זיין גאַנצער, קלאָמפּערשדיקער, וואָרקייט,
וואָס קיניגט ליכט־צעכראַסטעט איבער בערג, טאָלן און געוועסער,
אָטעמט, דעכעט דאָס בלויע שמעקענדיקע לייב פון סוד צניעותדיק־בסתר.

יושבים יאָגן דורכן שולהויף מיט טאָגיש־אויפגעדעקטע פּנימער.
די זון פּרוּווט עפענען די טונקלע אינגעווייד פון טיפע ברונעמער,
נאָר סוד לאָזט נישט. מיט זיידענע פינגער הענגט ער אויף בלויע שלעסער
אויף די לעפצן פון מענטש און גאָרטן, פון וועלדער און געוועסער.
ער לאָזט די לעצטע רייד זיי נישט דערזאָגן...

בערעלע משרת קומט אָן מיט פערד און וואָגן,
גרינצייג ברענגט ער פונעם מאַרק: קנאָבל, ציבעלעם און קרויטן.
בערעלע זעט נישט נאָר איך זע יאָ: אונטער גרינצייגס־הויטן
זוימלט, טומלט עפּעס, עס שלייכט זיך נאָך דער דינער שאָטן
פון יענעם קליינעם מלאך, וואָס באַפוילן האָט אַמאָל אין גאָרטן:
„וואַקסן! וואַקסן! וואַקס"... און בעת איך גאַף אויף קנאָבלען
און קרייטעכער אַצינדער,
גייט מיר נישט אין זייער קנאָבל־און־ציבעלעקייט נאָר אין שמעקענדיקן
ווּנדער
פון זייער אויפשפּראָץ אַמאָל אין נאַכטיש פאַרהוילענע סעדער...
די זון איילט איבער די וועלבונגען אויף גילדענע רעדער.
זי האָט מענטשישע אויגן די זון, זי זוכט אויס אַ פלאַטערל צווישן רויזן,
אַ שוועלבעלע, וואָס טוט צווישן קאַרשן אויפן בוים מיט קאַרשן הויזן.

זי טוט זיי אַ סודע אין אויער, זיי — די פליגל אַ צעבלעטער.
און עס ציטערן פריידיק און עס שמוכען, ווי קינדער, פון בוים
די ראָסיקע בלעטער.
אַ מורמלעניש ריזלט אונטער דער ליכט־הויט פון טאָג, אַ שעפּטשעניש
פאַרטייעט:
טריף־טריף־טריף־ טראַף. און עס קאַפּעט קאַפּ נאָך קאַפּ
פאַרהוילן שמעקענדיקער פּייעט.

מיינע ברידערלעך יאָגן פון ווייַנשלגאָרטן, שפּילן זיך אין „וואָגן מיט
לאָשיק"
ביילע די קעכלע נעמט פון געשפּאַן אַראָפּ דאָס גרינצייג,
טוליעט עס איין אין איר קאָשיק.
חיימל גבאי לויפט מיט צוויי סאַדעגערער חסידים. דער שטאָט־צאַפּ
שפּרינגט אַריין אין מיטן.
בערקע דער יידישער זשאַנדאַר איז אויף זיין ווייסער שקאַפּע
אין הויף אַריינגעריטן.

אַלע פאַרמאָגן זיי אויגן פול מיט טאָג: קלאָר־קלאָר־אויסגעקלאָרטקייט.
נאָר עס העלפט נישט: אין דער גאַנצער, קלאָמפּערשדיקער, וואָרקייט,
וואָס קיניגט איבער בערג און טאָלן און געוועסער,
אָטעמט, דעכעט דאָס שמעקענדיקע לייב פון סוד צניעותדיק־בסתר.

פ א ר נ א כ ט

דער מלכהם גילדענע קאַרעטע מיט די בלאָע זיידענע שימלען
רייט אַראָפּ פון די וואָלקן־טרעפּ, וואָס שטאַפּלען זיך קיל פון די הימלען.
דער מלאך רפאל האַלט אין זיינע הענט די לייצעס פון בורשטיניק־
געפּאַלדעוועטן סאַמעט.
— יאַנקעניו קום דאַווענען מינחה! יאַנקעניו, רופט אהרון בן ציון
מיין מלמד.

איך זיץ אויף אַ קאַרשן־בוים, אַנטקעגן די רקיעות וואָס האָבן זיך
אָקאַרשט אויסגעשטערנט.
אַ סאָלעוויי בין איך אין מלך שלמהס גערטנער, ס׳האָט דער קעניג
מיך געלערנט
אַלע זינגענדיקע קלינגענדיקע חכמות פון דער וועלט. מיר איז גוט
צו זיין שלמהס אַ פויגל.
מינחה־צייט, אין גרויסן קאַרשן־גאָרטן. איך הויער אויף אַ באַקאַרשנט
צווייגל
און פּיפּס און סווישפּ אַזאַ אויסטערליש געזאַנג. נאָר בעת דער מלמד
נעמט נאָך אַ מאָל רופן מיין נאָמען,
קלעטער איך פון בוים אַראָפּ און האָפּסל געשווינד צווישן לעבעדיקע
צמחים און בלומען
אין קלויז אַריין צו מעריב: איך שעם זיך מיט מיין גאווה,
ס׳דאַרפן יינגלעך נישט וויסן אין חדר,
אַז איך בין אַ סאָלעוויי אין מלכס קעניגלעכע סעדער.
און בעת איך קום אין קלויז אַריין שטעל איך זיך מיט אַלע
פראָסטע יינגלעך דאַווענען,
כאָטש איך פיל, אַז אויסדערוויילט איך בין פון אַלץ און אַלעמען.
און בעת אַלע זאָגן קריאת שמע, פאַרנורע איך זיך אין אַ ווינקל פון קלויז
און נעם וויינען:
— זיי מוחל, בורא עולם. אַ גדלן בין איך, כאָטש איך טו נישט גרויסן זיך
פאַר קיינעם.

די קרוין

אין מיין באָבעס שטערן־טיכל, די רובינען,
ברענען ווי זונען אין אַ טייך.
מיין באָבע איז אַ בת־מלכה פון אַן אַלטן קעניגרייך.
אויף געלן פאַרמעט איר יחוס־בריוו קען מען נאָך געפינען.

אין מיין באָבעס בלויער סאַליע שטייט אַ זילבערשאַנק
אויסגעשניצט לויט דער מראה פון אַ בוים
און ווי פירות צווישן בלעטער, לייכט דאָס קעניגלעכע פראַכט־געפעס

און איבער זיי — דעם ציידנס קרוין.
אין בלויען סאַמעט שטייט זי ווי אַ זון אין הימל.

מיין באָבע קוועלט: „דער מלך דוד פלעגט זי טראָגן",
איצט וואַרט זי דורות־לאַנג די קרוין
ביז דער טאָג וועט נאָך אַמאָל צעטאָגן
און אויפשפּראָצן וועט אַ שפּראָץ פון קעניגס בוים.

„ראוי". זי קוועלט און איבער איר גייט אויף אַ רעגנבויגן.
— באָבע, זאָג איך און סע כוואַליעט זיך מיין קול:
— באָבע, אפשר... איך לאָז אַראָפּ די אויגן —
אפשר איך?... איך דער מלך פון ישראל?...

איך דערשרעק אליין זיך פאַר די ווערטער מיינע און פּאַמעלעך
האָפּסלע איך אַראָפּ די אונטיקע טרעפּ.
די שאָטנס ווי פירשטן, אַרום אַ שטראַלנדיקן מלך,
מיט ערפורכט, בויגן אַראָפּ פאַר מיר די קעפּ.

איך שפּאַן דורך לבנהדיק צעבלעטערטע גערטנער.
אפילו בוימער שעפּטשען: דער מלך שפּאַנט!
דער ווינט, אַ וווּנדער־פערד, מיר געהערט ער,
טראָגט מיך איצט צום טויער פון מיין לאַנד.

קוסטעס קאַרליקעס מיט ליכטיקע מיצן
פויקן אין לבנה־פייקלעך לכבוד מיר.
אפילו שטיין און ליים נעמען יומטובדיקע בליצן
און באַקליידן זיך מיט ראָסיקן געציר.

נאָר בעת איך קער אַהיים פון די שטראַליקע נסיעות,
ווער איך קריק שפּלדיק ביי זיך.
איך עס שוין נישט קיין אונטברויט און מיט פאַרמאַכטע וויעס
טו איך אוים פון זיך די קליידער און די שיך.

דערנאָך וואַש איך די הענט און טו קריאת שמע לייענען
און מיין האַרץ עפּנט פאַר גאָט זיך מיט געוויין:
— דערבאַרעם זיך אויף אַ ייִנגעלע אַ קליינעם,
בּרען אויס דאָס גדלות פון זיין פליש און ביין;

נאָר בעת איך שלאָף איין, קלעטער איך ווידער אין חלום,
צו דער באָבעס זילבערשאַנק מיט דער מראה פון אַ בוים.
די בלויע שטילקייטן אַרום מיר, האַלטן איין דעם אָטעם,
בעת איך שטרעק מיין האַנט אויס און נעם פון שראַנק אַרויס די קרוין...

די נאַכט כוואַליעט איבער אַלבאַסטרענע ווענט און באַלקן
און קרייזט מיט לבנה־געשטאַלטן אַרום אַ שמאַראַגדענעם טראָן.
מאַיעסטעטיש קלעטער איך, פאַרהילט אין אַ פּורפּור־וואָלקן
און אליהו הנביא קרוינט דודס קרוין מיר אָן...

אין טאַטנס דאַוונשטוב

דעם טאַטנס דאַוונשטוב פון פּימסנהאָלץ אַ געשניצטער,
די סטעליע געשליפן איז פון ליכטיקן קרישטאָל.
דער גאַנצער הימל, אַ שטראַליק־צעבליטער,
כוואַליעט אין חלל מיט אַ פאַרהוילן קול.

מיין פאָטער מיט טלית און תפילין אַ באַזוימטער
שמייכלט סודותדיק אַרום מיר:
— דו גייסט, יאַנקעניו, אַרום אַ מבולבלער, פאַרחמטער
און ווייסט אפילו נישט וואָס מען רעדט צו דיר...

דער מלמד קלאָגט זיך אַז אין סאַמע מיטן לערנען,
פאַרגלאָצטו זיך און ווייסט נישט ווי איין און ווי אויס.
אויך דערציילן די מקורבים וועגן דיין אויסטערלישן פירונג,
בעת דער תפילה צו מינחה־מעריב אין דער קלויז...

דער פאָטער גלעט מיין קאָפּ, איך לאָז אַראָפּ די אויגן,
פאַרהאַק די לעפּצן, נאָר אומגעריכט צעכוואַליען זיך די רייד:
— פאָטער, — זאָג איך — מיינע וועגן זענען אויך פאַר מיר אַליין פאַרהוילן,
צי ווייסט דער סוד אַליין צו זיין פאַרהוילנקייט באַשייד?

און די וועלט, די גאַנצע וועלט, צי קען מען דען פאַרטייטשן
דאָס מינדסטע גרעזל אירם מיט אַ מענטשלעכן פאַרטייטש?
יעדעס קנאָספּעלע טוט זיך אין הונדערט בלעטעלעך פאַרקנייטשן
און יעדעס בלעטעלע איז ווידער סוד און קנייטש...

צו אַ בין מיט פאַרמאַכטע אויגן איך בין געגליכן:
איך פלאַטער צווישן צמחים און איך זויג.
נאָר די מראה פון מאַרגנדיקן האָניק
פאַרבאָרגן איז נאָך איצטער פאַר מיין אויג...

מיין פאָטער צעעפנט גרוים פאַרחידושט זיינע אַפּלען
און לאָזט זיי הענגען ציטערנדיק אויף מיר:
— געלויבט צו גאָט, — זאָגט ער — קענסט קלעטערן אויף שטאַפּלען
און עס וועט דער ריזינער זיידע נישט שעמען זיך מיט דיר...

איצט הילט ער איין זיך אין זיין שטראַלנדיקן טלית
און איך שלייך זיך פון דאַוונשטוב אַרויס.
די כמאַרעס, אין די הויכן בויען אַ דימענטענעם פּאַלאַץ —
פאַר משיח בן דוד אַ געהויז...

משיח בן דוד... אין מיין באָבעס בלויער סאַליע.
אין זילבערשאַנק וואַרט זיין קרוין געהיים.
איצט פיל איך מיין גוף נישט מער, אַ שמאַראַגדענע כוואַליע,
כוואַליעט צום פאָטערס קעניגרייך אַהיים.

לייבע פרוש

א

אין מיטן נאַכט ווער איז דאָ;
טריף-טריף-טראָפן.
דריי שוואַלבן, קוואַליק בלאָ,
פּרוּוון אַ בלויקייט באַשאַפן.
מיינע ווײַעס מאַכן זיך צו,
איך בין מיד פון צו פיל גאַפן.

טריפט אַ רעגן טריף-טריף-טראָף.
רוישן טייכן אין מיין אויער.
ערב-מראה בעט: „באַשאַף".
און איר געבעט ווערט בלויער, בלויער.
נאָר די פינגער מיינע זענען מיד און שוואַך
און מלא אַלטן, קלוגן טרויער.

ציט צוריק זיך טראָף נאָך טראָף,
בייטן געזיכטער זיך און פאַרבן:
אין הקדש, אונטער פאַרשימלטן דאַך,
אויף אַ געלעגער פון פאַרטריקנטן סכך,
גרייט זיך לייבע פרוש שטאַרבן.

אין מיטן נאַכט ווער איז דאָ?
שאָטנדיקער קידער-ווידער.
מיינע ווײַעס וואָס זענען צו
מאַכן-אויף זיך ווידער.
אַנטקעגן לייבע פרוש, וואָס ליגט אין הקדש דאָ,
ציען מילד זיך מיינע גלידער.

שטרעק איך אויס מיין האַנט צו אים,
ריר אָן זילבערפראָסט אויף קנאָכן
און הער אַ קול, ווי שנייפּאַל דין־דין:
„ווער איז אין שטרוי צו מיר פאַרקראָכן?"

לייבעס באָרד ברענט ווי אַ זונפאַרגאַנג אין מאָכן,
זיינע אויגן ווי פייגל, אויף אַ בוים פון בליץ געטראָפן,
נאָר זיין קול, ווי שנייפּאַל דין־דין,
מורמלט: „לאָז מיך שטאַרבן, שכן!"

ב

אין די שויבן פון הקדש, ווי אונטער שוואַרצע הויטן,
נעמען ציטערן די בלויע אָדערלעך פון ערב־קאַיאָר.
ווי דערשראָקענע העזעלעך לויפן ר' לייבעס אויגן,
ער שטעלט זיי אָפּ אויף מיר: הא, דאָס ביסטו עס, דעם רבים בכור?

ער שטרעקט אויס זיין ליימענע האַנט, פאַרריכט די יאַרמלקע
אויפן נאַקעטן שאַרבן:
— וואָסי — זאָגט ער — פאַרגלוסט זיך דעם רבים בנאָק צו זען
ווי לייבע פרוש טוט אין הקדש שטאַרבן?
הער נאָר אַ תאווה,
אַ שפּאָגל נייע תאווה פון אַ יונגאַטש! וואָס איז דאָ צו גאַפן?
די מעשה הייבט זיך אָן מיטן בורא־עולם, פאַרגלוסט האָט זיך
דעם בורא אָן אדמל באַשאַפן,
הער נאָר תאווה פון אַ גאָט, וואָס דעם כול־יכול קען זיך אַלץ פאַרגלוסטן!
אָבער פרעגן, פרעג איך: צו וואָס דאָס באַשאַפענע דערנאָך אַרויסוואַרפן
אין די מיסטן?

ווי נעמט מען עס אַ לעבעדיק אָדמל מיט זעערס, מיט הערערס,
מיט געוויין און רעיון
און מען ענטפערט עס איבער צו מיסט און ליים? איז טאַקע לית דין
ולית דיין?

איצט ציט דער פרוש צונויף די פאַרמעטענע לעפצן
און די שטילקייט קייקלט זיך ווי שטיין אויף געשטיין.
(נאָר פון אונטער די האַרטקייטן הערט זיך אַ ריזלעניש, אַ פּאַרטייעט
בליפּענדיק געוויין.

לייבע פרוש וויינט... איך שלעפּ פון קאַפּטנדל אַרויס אַ רויטן עפּל,
פיר אים צו צו לייבעס אַפּלען.
דער פרוש ציטערט אויף: יינגעלע, זאָגט ער, און זיינע לעפצן צאַפּלען —
זעץ זיך יינגעלע, אַט אַזוי אויפן דיל, דאָ זעץ אַוועק זיך.

איך פאָלג און טו זיך זעצן. דער פרוש הייבט פּאַמעלעך אויף זיין געלן שאַרבן:
— יינגעלע — זאָגט ער — לאָז, איך וויל מיין קאָפּ דאָ לייגן,
אויף דיינע קנעכלען וויל איך שטאַרבן.

און ער לייגט זיין קאָפּ אויף מיינע ציטערדיקע קנעכלען.
אַ שוואַרצער ביינערדיקער פראָסט פרירט מיין האַלדז און נאַקן.
און אויף מיינע קניען וויג איך איצטער ביידע: אי דעם טויטן לייבע,
אי דעם עפּל מיט די רויטע לעבעדיקע באַקן.

אין מיטן נאַכט ווער איז דאָ?
טריף-טריף-טראַפּן.
מיינע וויעס זענען מיד און מאַכן זיך צו,
איך וויל איצט גאָרנישט ניט באַשאַפן.

נאָטיצן פון שפּיטאָל

א

דער האָז, וואָס אַנטרינט אין וואַלדגעדיכט, חצות,
פּילט די מראה און דאָס פּנים פון פאַרצוקער:
סע לויערט אַ לעבעדיקער לייב, אַ לעמפּערט צי אַ טיגער,
זייער הייסער ריח אָטעמט פונעם ווילדן גראָז.

אַנדערש איז דער טויט אין שפּיטאָל: אין טעמפּלען פון שוואַרצן גלאָז
הויערן שטומע עלעקטרישע געטער,
זיי ניוכען צום פליושגעפלאַנץ און צעאָדערטן געבלעטער,
וואָס גליווערן אונטער די הימלען פון דיין הויט.
מאַטאָרן ציילן די איילן צום וואָקזאַל פון טויט.
ס׳איז מעכאַניש־שטאַרבן מיט רעדער און מאַשינעס,
און דער חולה — אַ וואַגאַנעטקע אויף שטאָלענע שינעס.
רונד אַרום די מענער אין ווייס,
ווי פּריסטערס געקאָוועט פון אייז,
דעמפּן ווייערעך פון כלאָר און קאַרבאָל.
אַ טויטער טויט, אָן אַ פּנים, איז דער טויט אין שפּיטאָל.

ב

אויפן שפּיטאָל־זייגער די ווייזערס, קרייזן ווי אומעטום, אין קרייז,
נאָר די צייט שטייט דאָ, האָט ניט וווהין צו שפּאַנען.
רגעס גליווערן ווי פאַרפרוירענע שוואַנען,
אויף אַן אָזערע פאַרקאָוועט מיט אייז.

סאַראַ פּראַסטיקער גליווער. נאָר מיט אַ מאָל צעברעכט זיך דער קרייז:
דער ווינט צעפּראַלט די פענצטער מיט זיין נאַקעטן שאַרבן.
עס דוכט: אויף שליטנס, אין אייזיקן ווייס,
יאָגן שטילקייטן אין דער מידבר ערגעץ שטאַרבן.

יאָמערן די קראַנקע פון שלאָף: מאַמע, מיר ווילן אַהיים!
מאַמע, מיר האָבן מורא אַליין אין דער פינצטער.
ווייסע שוועסטער, ווי פריסטערינס, פאַרריגלען קריק די פענצטער.
ווידער ווערט שטיל. דער ווינט ווי אַ בער ווערט פאַרקייטלט צו די קייטן,
וואָס הענגען פון יענער זייט שוואַרצע פאַרגליווערטקייטן.

ג

מיטנאַכט אין שפּיטאָל. די שטילקייט ווערט האַרט און פאַרשטיינט.
מיין שכן, דער זקן, זיצט אין ווייסן קישן אָנגעלענט:
— ר׳ ייִד, שעפּטשעט ער, זאָגט, צו וואָס האָט דער בורא צוריק מיט זיבעציק יאָר
געדאַרפט סטראַיען אַ ייִנגעלע מיט רויטע באַקן און גילדענע האָר?
איר ווייסט, ערשט נעכטן האָב איך אָנגעטאָן מיין בערן־מענטעלע,
די שוואַרצע שטיוועלעך, גענומען דאָס שליטעלע אין פוכקע הענטעלע
און געלאָפן שליטלען זיך צום גלחס ווייסן טאָל.
די מאַמע פאַרוויקלט אַרום מיין האַלדז אַ שאַליקל פון רויטן וואָל:
— ס׳זאָל זיין וואַרעם דיר, זאָגט זי, די רויטקייט פון שאַל זאָל פון בייז־
אויג דיך באַהיטן.
אַזוי שיינסטו, בן־יחיד מיינער... מיין מאַמעווישט די אויגן און איך יאָג
שוין אין שליטן.
ערשט נעכטן ...אוי, זענען עס דורכגעלאָפן די זיבעציק יאָר.
זאָגט נאָר, צו וואָס האָט דער בורא געסטראַיעט אַ ייִנגעלע
מיט גילדענע האָר?

דער זקן טוליעט זיך ווי אַ זויגקינד צום קישן און וויינט.
און שטיל פון דער טונקל די ווייסע שוועסטער גענענט,
זי שטופּט די שפּריץ צו זיינע איינגעדאַרטע פיס, זוכט אַן אָדערל
הינטער דערשראָקענע הויטן.
דער זקן פאַרבייסט די ליפּן פון יסורים און פרוווט זיך דערמאָנען
דעם ריח פון פריש־געבאַקענע ברויטן,
וואָס די מאַמע פלעגט שיפּן פון פלאַקערדיקן אויוון אין בלאָע קאַיאָרן.
דער טאַטע אַ באַפעלצטער קומט פון פעדייצער יאַרמאַרק צו פאָרן,

עס שמעקט פון זיין פעלץ מיט פראָסט און זשיוויצע פון פאַרשנייטע ביימער.

דער טאַטע שיט אָפּ די אייזליכט פון קוטשמע, רייבט די פריילעכע דלאָניעס און פאַרציט אַ זמר:
— שרהטשע, זאָגט ער, דערלאַנג צום טיש, סע קלעמט אונטערן לעפעלע..
די מאַמע שלעפּט אַרויס דאָס פייערדיקע טעפּל פון אויוון
און כוואַליעט אין טעלער אַריין דעם זודיקן באָרשט מיט די גילדענע אויגן.

זאָגט נאָר, ר׳ ייד, צו וואָס האָט דער בורא צוריק מיט זיבעציק יאָר, געסטראָיעט אַ יינגעלע מיט רויטע באַקן און גילדענע האָר?

ד

טרעפט ביי נאַכט אַ מאָל: אַ זקן צעעפנט די אויגן
און דערזעט: אין בעט לעבן אים ליגט אַ פרעמדער אדם אויסגעצויגן.
שטרעקט דער קראַנקער אויס זיין האַנט צום צווייטנס גוף אונטער ליינענע געוואַנדער
און דערפילט: פון ליים געקנאָטן איז דער מאַן דער פרעמדער.
גלאָצט דער קראַנקער אויפן ליימענעם מאַן און אין אָוונטליכט דערזעט ער:
דאָס זעלביקע פּנים, וואָס ער, פאַרמאָגט דער מאַן דער צווייטער.
שרייט ער: ווער איז דאָ איך און ווער איז ער? און בעת די שוועסטער טוט גענענען,
נייגט זיך צום בעט, טרעפט זי דאָרט בלויז איינעם:
אין אָוונטליכט, אונטער אַ האָריק־שוואַרצן שאָטן,
ליגט שטום דער געלער מאַן פון ליימען אויסגעקנאָטן.

ה

ניין, איך בין ניט דער מאַן פון ליים.
ווינטן הענגען פאַרפרוירענע איבער סטעפּעס.
איך בין געגאַן, געגאַן, געגאַן אַ מאָל אַהיים
און אין מיטן גיין פאַרגעסן עפּעס.

איצט ניוכע איך אין שניי צום ריח פון ליכט.
שטערן בלאַנדזשען צווישן וואָר און חלום.
ווייסע מאַמע שפּאַנט פון וואַלד־געדיכט:
— קינד, זאָגט זי, מען דאַרף פריזון מאַכן שלום.

שלום מיטן טויט, מאַך שלום, מיין קינד.
און זי ציט פון פאַרטעך אַרויס אַ שמעקנדיקן אָרון:
— געדענקסט, מיט אַ שליטעלע האָסטו זיך געשליטלט אַ מאָל,
איצט וועלן מיר מיטן אָרון אַ קאַפּל פאָרן...

די מאַמע שמעקט מיט פראָסטן וואַסער און ברויט.
זי לייגט אַרויף די הענט מיר אויף די ליפּן:
— טו אויס, זאָגט זי, ס'מלבוש פון פלייש און הויט,
וועט לייכטער זיין זיך אַריבערצושיפּן.

אין אָנהייב איז שווער דערנאָך ווערט גרינגער פון גרינג,
הער ווי סע זינגען די כוואַליעס אין וואַסער אין קלאָרן,
בלוי און ריין ווי ס'האָט באַשאַפן זיי גאָט, מיין קינד,
אַ רגע און מיר וועלן לאָזן זיך פאָרן...

אַל תירא יעקב, ליו ליו־ליו,
אַ מאָל איז געשטאַנען די וויג דיינע דאָ,
איצטער שמעקט דאָ דיין אָרון...
מיינסט ס'איז אַ גרויסער חילוק
ליו־ליו־ליו,
דער עיקר — מיר פאָרן און פאָרן און פאָרן.

— וווּהין, מאַמע, וווּהין?... איך עפן די אויגן:
קאַיאָר זילבערט אין נאַכטישע שויבן.
פאַרנעפּלטע פריסטערס, געקאָוועט פון אייז,
קרייזן שטום אַרום אַ קרייז,
און דעמפן ווייערך פון כלאָר און קאַרבאָל.
אַ טויטער טויט, אָן אַ פּנים, איז דער טויט אין שפּיטאָל.

דער טויט פון א בוים

דער אַלטער עפּלבוים פאַר מיין הויז,
בעת ס׳האָט, דער בליץ אים געטראָפן,
האָט זיך נישט געאַמפּערט ווי דער אַלטער איוב,
מיטן האר פון אינסופן,
נאָר בוימיש־היימיש אַריבערגעלאָפן
פון האַלץ־גוף צו פלאַם־גוף און דערנאָך אין אַ רויעך־כּמאַרע
אַריבערגעוואָגלט, אין זיין דריטער מראה...

אהאָ, ווי בוימיש־היימיש ער האָט געוואָנדערט
דורך אַלע גלגולים פון גורל:
אַזוי האָט ער זיין ערשטן צווייט געטראָגן
און זיינע עפּל־קינדער געבוירן
קיין איינציקער בוים־ברודער איז נישט געקומען
צו זיין געבורט־בעט און נישט צום בעט פון זיין טויט.
ער איז געווען איינער אַליין אין זיין בוימישער הויט...
און בעת דער בליץ האָט זיין לייב מיט פייער־אויסזאַץ באַדעקט,
האָבן די איבעריקע בוימער תענוגדיק, מיט די בלעטער־צינגער
די ראָסע געלעקט..
און ס׳איז אפילו קיין גאָט אין הימל נישט געווען,
פאַר וועמען דער עפּלבוים זאָל אויסוויינען זיין בוימיש־געוויין...
און אפשר האָט ער גאָרנישט וויינען געוואָלט דער בוים, דער חכם,
וואָרעם ס׳איז אים נישט קיין חילוק געווען „וואָס ס׳וועט זיין
נאָך־אים”...

און דערפאַר האָט ער זיך נישט געאַמפּערט ווי דער אַלטער איוב,
מיטן האַר פון אינסופן,
נאַר בוימיש־היימיש אַריבערגעלאָפן
פון האָליץ־גוף צו פלאַם־גוף, און דערנאָך אין אַ רויעך־כמאַרע
אַריבערגעוואָגלט, אין זיין דריטער מראה...
אָ, בוים מיינער, אַ קלוגער עפּלבוים...

חלומדיקע וואָר

ס'בעט מיין טינט און פעדער:
— בייט די זאַכן איטלעכן מעת-לעת.
איך רוק אַרויס דעם שאַנק פון חדר
און בלי אַריין דעם בוים מיט בעז.
דעם זעלביקן פון זיידנס סעדער,
וואָס האָט געבליט אין תרפ״ט...

אויפן בוים זעקס און דרייסיק סאָלאָווייען
מיט כתר-תורות אויף די קעפּ.
לבנה-נאַכט טוט נאָך אַלץ די בערג פאַרשנייען
און באַשנייט מיין כלהס בלאָנדע צעפּ.

מיין כלה, די צדקת פון באַרדיטשעוו,
וואָס האָט געהאָפטן דאָס פּרוכת אין ריזינער קלויז.
איצט ברענג איך זי, מיטן פאַרשנייטן ישוב
קיין רמת-אביב, צו מיר אין הויז...

די גריכן וואָלטן גערופן זי: „מיין מוזע״.
איך פאַרהיל זי אין פּרוכתדיקן פּלוש.
זי מורמלט עפּעס רזין דרזין
און יעדעס וואָרט איז תפלהדיקער קוש.
ביי קוואַלן טרינקען בלויע הירשן, האָזן.
איך וויין און וויים נישט פאַרוואָס...

און גוט אַזוי, גוט אַזוי צו וויינען.
צו יעדער טרער איך זאָג: „כי טוב״

און מיין כלה עפּנט, מיט טויזנט חנען,
איר גינגאָלדן האָדעסל מיר אָף:
— זע, זאָגט זי — דאָ וווינען אינאיינעם
אַלע ריחות און קאָלירן פון בראשית ביזן סוף.

איך קוש דאָס האָדעסל, וואָס באַשאָטנט אירע גלידער
און וויין לאַנג-לאַנג און באַנג.
— זע, מעת-לעתן רינגלען זיך ווי לידער
און קוועלן אַריין אין אינסופיקן געזאַנג.
אַלץ פאַרגייט און קומט ווידער,
נאָר עפּעס, עפּעס טוט אונדז באַנג...

איצט שטערנען אויף טרערן אויך אין אירע אַפּלען,
זי לאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ און וויינט:
— יאָ, שטאַפּלען שטאַפּלען זיך צו שטאַפּלען,
נאָר נישט דאָס האָבן מיר געמיינט...
איצט שווייגן מיר ביידע, קלוג ווי די סך-הכלען,
אין אַלטן האָדעס אָנגעלענט...

האָרך. ס'בעט ווידער טינט און פעדער:
— בייט די זאַכן איטלעכן מעת-לעת.
נאָר צי מעג איך, פון מיין קליינעם חדר
פאַרטרייבן איצט דעם לעצטן נס?

צו דיר

א

זונאויפגאַנג צי פאַרגאַנג?
ווער ביסטו? איך קען ניט דיין נאָמען.
גאָלד-האַלט-געזאַנג,
זשומען בינען אין האַרצן פון בלומען.

איצט ניוכע איך צום האָניק, מיט תאווה,
זוך דעם אָפּשטאַם פון ריח:
שמעקן די צעפּ דיינע, חוה?
צי ברענענדיק פלייש אויף מזבח?

אויפן וואַסער-שפּיגל, פון דופטן,
פורפורשיפן שווימען אין קאַיאַר.
אַלע מיינע בלויע אייניקלעך, ביזן הונדערטסטן דור,
בויען שטערן-לייטערס אין דער לופטן.

נאָר אונטער טייך, אויף שליימיקן דנאָ,
רוט, אין ראָזן פּערלמוטער,
דער טויטער גוף פון מיין מוטער,
און לעבן איר מיין ערשטע שעה.

וועמעס האַנט פון וויכן בלאָ
בינדט צונויף אַלע ריחות און פאַרבן?
אַלע וואָס זענען דאָ און נאָך ניט דאָ,
און יענע, וואָס זענען פון לאַנג שוין געשטאָרבן.

מיינע ליפּן ציטערן וויך,
ווייסן ניט וועמען זיי קושן:

די בלויע איינציקלעך אויף כוואַליענדיקן טייך,
צי מיין מוטער צווישן דנאָיקע פּליושן?

ב

איך האָב קיין מאָל ניט געזען דאָס קינד,
וואָס וויינט ביי מיין שכן,
נאָר מיין חלום טראָגט פולע הענט מיט געוויין,
דורך די בלויע וועלדער פון שטילקייט.

מיין חלום שמעקט מיט מאַמעמילך,
וואָס טריפט מיט לבנהקער מילדקייט
און מיטן סוד פון טרערן־אוניווערס.

איך האָב קיין מאָל ניט געזען נאָך דאָס קינד,
וואָס וויינט ביי מיין שכן,
נאָר מיין חלום טראָגט פולע הענט מיט ליבשאַפט
צו דער וועלט, וואָס הערט ניט אויף צו וויינען...

ג

צו וואָס האָט דער בורא געמאַכט וויינען די וועלט?
צו וואָס האָט דער שאַפער געמאַכט זינגען די וועלט?
כדי מיר זאָלן וויינענדיק און זינגענדיק
אויסגיין פון ליבשאַפט.

דער בורא דאַרף ניט די וויינענדיקע וועלט.
דער שאַפער דאַרף ניט די זינגענדיקע וועלט —
ער דאַרף בלויז די ליבשאַפט!

האָט ער אויסגעטאָן נאַקעט די וועלט,
(געוויין און געזאַנג טוען אויס נאַקעט די וועלט)
און אויף איר נאַקעט־פאַרהוילענער שיינקייט
געלאָזט רעגענען די ליבשאַפט.

ווייל איז מיר, איך בין דער ייִנגסטער, פרישסטער
טראָפּן אין רעגן פון ליבשאַפט.

בערג ציטערן מיט נאַקעטע קני,
גערטנער עפענען טראַכטן פון צעקנאָספּעטן בלי,
שוואַלבן טרינקען אונדז אין מיטן פלי.
הירשן, מיט פלאַמיקע קרוינען,
לעקן אונדז מיט ראָזע צינגער.
און דעם שאַפער ווערט גרינגער
צו טראָגן זיין אַליינקייט אין הימלען,
וואָרעם מיר זענען, זענען, זענען,
דער רעגן פון ליבשאַפט.

ד
און פאַראַן אַזאַ טיפנאַכט,
בעת שטילקייט
פרירט אויס איר אייגענעם ווינטער
פון ווייסן מירמל, אַ מירמל אַזאַ,
ווי פליגל פון פאַרשלאָפענע פּאַוועס...
אין אַזאַ טיפנאַכט ווערט פאַרפרוירן דער רעגן
פון ליבשאַפט.

און ווי קליינע חיות צום בויך פון מאַמע־חיה
פויזען מיר דורך טיפנאַכט
צום פאַרפרוירענעם רעגן פון ליבשאַפט.
אַ רגע געציטער: צי לעבט נאָך די מאַמע?
מיר שטרעקן די לאַפּעס צו שנייבערג און בעטן:
— קער אום זיך צום רעגן!
ציטערט דער ווינטער ווי אַ מאַמע־חיה,
וואָס וועקט זיך פון שלאָף
און אַלע גלידער אירע נעמען רעגענען ווידער.
טאַנצן מיר אַרום דער קוואַליקער מאַמע.

איר שנייִקער ווײַס ווערט ווײַס איצט ווי מילך,
וואָס קוועלט פון אַ געבערערינס בריסט, אין טיפנאַכט.

ה

לאָמיר זינגען מזמור שיר,
אַ שאָלונג צו ליבשאַפט.
צו וועמען זאָלן מיר גלייכן די ליבשאַפט?
צום באַשאַפער, וואָס האָט זיך אַליין
אַריינגעגאָסן אין אַנפּנימדיקן פּנים פון לײַם.
צום סאַמע אָנהייב פון אַלע טוונגען האָט געקיניגט די ליבשאַפט.
אַפילו אונטערן לעמפּערט גייט נאָך מילד די ליבשאַפט,
בעת ער פאַרצוקט דעם הירש, עפנט ער די אויגן מיט ליבשאַפט
צו די לעמפּערטלעך זײַנע... אַפילו אין שפּאַרבערנעסט וווינט ליבשאַפט,

און אין הייל פון גזלן וואַרט געדולדיק די ליבשאַפט,
ביז ער וועט וואַשן זײַנע הענט פון בלוט און דערנאָך מיט ליבשאַפט
טוליען זײַן מידן קאָפּ צו דער פינצטער, ווי צו אַ מאַמע, און
כליפּען מיט ליבשאַפט:
— ווייסט איז מיר... און אַ רגע וועט אים מוחל זײַן די ליבשאַפט.
זייט אויך מוחל דער ליבשאַפט, וואָס איז אַ מאָל צו פיל מוחל
צוליב ליבשאַפט...
וואָרעם זי איז איבער־דין די ליבשאַפט, אין איר גרויסער ליבשאַפט
צום קרבן און צום גזלן „וואָס איז אויך אַ קרבן". אַזוי זאָגט די ליבשאַפט.

ז

אַ מאָל ווערט מײַן גאַנצער אין־סוף
קליין ווי אַ נעסט פון שוואַלבן.
און די ליבשאַפט וואָס האָט אין אירע אָרעמס
געוויגט אַלע מזלות, שרומפּט זיך איין ווי אַ פויגל:
ווי אַנדערש האָט אין איר נעסט געקענט אַרײַן די גרויסע ליבשאַפט?

און אירע פליגל, וואָס האָבן געגרייכט פון איין עק וועלט
צו דעם אַנדערן,
ווערן איצט קליין ווי די פליגל פון אַ מאַמע־שוואַלב.
— זע — זאָגט די ליבשאַפט צו גאָט — זע, סאַראַ הייליקער שלאָף
אין נעסט פון די שוואַלבן!
איך געדענק ניט: האָסט אַ מאָל עפּעס אַנדערש באַשאַפן חוץ
שוואַלבן?...
קוועלט גאָט: לאָמיר אויך די אַנדערע קלייניקייטן זאַלבן.

און זיי נידערן פון בוים צום מאָך פון וואַלדגעדיכט
און לוליען איין אַן עלנטן וואָרעם, וואָס קריכט
אַליין אין דער וועלט. און זיי קושן אין זאַמד
אַ פּיצל מערעשקע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון איר לאַנד.

און דאָס גרויסע געשטערן וואַרט מיט געדולדיקער קלוגשאַפט,
ביז עס וועט אויסקושן אַלע קלייניקייטן די גרויסע ליבשאַפט.

אינהאַלט:

דער שטערן־זעער 5
מיר וואנדערן 7
סנהדריה 9
ווינטער־לידער 11
גאָט רעדט ניט מער 16
באַלעט פון ליליפוטן 18
לאָמיר בייטן 22
אַ גאָטס רחמנות אויף תרחן 24
כמעט אַ שפּאָס 29
מיין זיידע זאַנזאַני 30
פאַרוואָס האָב איך באַשאַפן די וועלט ? 34
אַ פּראָסט מיטוואָכל אין כעלם 35
אַ קליינע דראַמע 37
צום לייענער וואָס לייענט נישט קיין לידער 38
שיינקייט 39
אַ חלום 41
מחשבות אין אַ לבנה־נאַכט 43
טרערמיסטעריע 44
דער וואַלד 45
שפּילעוודיקער ערנסט 46
אין שליטן 48
אַ קליין ליד 54
שטיל ווי אין אַ פאַרשלאָסענער קאַרש 55
רבי אברהם מלאכס חתונה 56
גאַגאַרין און פּלאַטאָן 61
לידער פון רחמים 63
דריי לידער וועגן גרויסן געלעכטער 70
מילא 72
ווי אַזוי דער בעלשם האָט עולה געווען קיין קיטעוו . . 74
קליינע לידער 78
לידער צו אַ גיישע־מיידל 82
רעגן אויפן ים 86
עלנט 87
איך 89
קינדווייז 90
לייבע פּרוש 99
נאָטיצן פון שפּיטאָל 102
דער טויט פון אַ בוים 106
חלומדיקע וואָר 108
צו דיר 110

דערשינענע ביכער פון יעקב פרידמאַן:

אויסגעשטרעקטע הענט (דראַמאַטישע פּאָעמע) —
פאַרלאַג: „קולטור־ליגע", וואַרשע 1933.

אדם (פּאָעמע) — פאַרלאַג יידישער ליטעראַטן־פאַריין — טשערנאָוויץ, 1935.

שבת (לידער) — טשערנאָוויץ, 1939.

פּאַסטעכער אין ישראל (לידער און פּאָעמעס) —
פאַרלאַג הוצאת פועלים, תל־אביב, 1953.

די לעגענדע נח גרין (לידער און פּאָעמעס) —
אַרויסגעגעבן פון אַלטוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1960.

נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע) — פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1963.